BINTSHE: What in God's name has gotten into you, Reb Leyzer, what are you talking about *shevebrokhes*, I merely need witnesses.

---

[51] Street lamps and umbrellas, likely.

[52] Trams

[53] Again Bintshe confuses her citation attributing this quote from the Gemara to the wrong source. Ben Salu flaunted his appetites for women before Moses. She is again attributing her citations to tyrants or molesters, the irony being that she herself is being accused of molestation.

[54] The cemetery

[55] Women's prayer book containing special prayers said at the grave.

[56] Big, pock-marked lemon used at Succoth.

[57] One of seven consecutive celebrations after a wedding.

REB LEYZER: Who's getting a divorce today?

BINTSHE: What are you talking about Reb Leyzer, what divorce? Don't be so standoffish—I simply need witnesses.

REB LEYZER: So tell me, what do you need witnesses for? Maybe for a *khalitse*?[58] Maybe I could be a witness too?

BINTSHE: That's exactly what I want—I want you to be my witness.

REB LEYZER: *Nu*, then you'll certainly want me to drink to that.

BINTSHE: Then so be it—it's only a drink.

Reb Leyzer took a big drink of whiskey and said *l'khayim* to Bintshe, promising her he'd be her witness. A witness to what and when he didn't bother to ask, nor did she tell him. He ended with, "And a good-day to you Bintshe, and for God's sake don't get yourself someone else to witness for you."

Bintshe went on her way to get herself another witness and ran into Reb Yosele Pozner on the street. Reb Yosele was a bit nasal sounding and had a huge back. He squinted a lot and had a matted beard.

Bintshe, putting her thumb on her cheek greeted him quietly, "Good-day to you, Reb Yosele."

Reb Yosele responded with, "And a good-year to you, Bintshe! What are you doing out on the street? It's not like you to be wandering about like this."

Bintshe paused for a bit and then said, "Reb Yosele, let me tell you the honest truth—I need a witness."

Reb Yosele wanted to know, "What sort of witness?"

"It could be whoever," Bintshe replied.

Thick smoke began pouring forth as Reb Yosele lit up his pipe.

Bintshe, practically choking standing next to him, bade him, "A good-day to you Reb Yosele, and know that I'm counting on you."

Reb Yosl went home to his wife, and told her to make him a good meal. He then told her that he was going to be a witness.

"What kind of witness are you going to be?" she wanted to know.

"What business is it of yours? If I don't know, why should you?" Reb Yosl angrily replied.

And then he got so mad that he called her several names, "You shrew, you witch, you pain in the ass." This made his wife also get good and mad.

They got to the point of almost hitting each other. God helped and they calmed down. Reb Yosl finished eating and went to sleep.

*Nu,* let's let Reb Yosl sleep a little and go see what's happening with Bintshe.

---

[58] Procedure releasing a man from a Levirate marriage in which he is obliged to marry his brother's widow.

Bintshe, in great glee, went to report to her company that she already had her two witnesses and that they had to quickly go to the cemetery to plead at the graves of the deceased and measure graves so that they could light candles in all the shuls in order to win the case, precisely as Basha Odes had directed.

Bintshe and her entire company then waited anxiously for midnight to arrive because that was the appointed hour to go to the graveyard.

Dear reader, I must inform you why they had to be at the graveyard only at midnight. Because the zaddikim that Bintshe was planning to go see had mostly been active at night. One of them bought poultry at night. Another bought livestock, whatever God sent him. Because they were up at night when they were alive then they would certainly also be up at night now that they were dead. And they would certainly hear Bintshe's plea and immediately rush to pray for Bintshe's sake.

As soon as midnight arrived Bintshe and her company went directly to the graveyard and she recited a few pages of *Mayne Loshn* according to her habit. Bintshe led the way and her company followed. She went directly to the grave of Reb Mordkhe-Binyomin. He was a great zaddik, may his merit protect us.[59] When he was alive, people were afraid to disturb him, so now too they didn't want to bother him.

Bintshe went over and had a lie down on his grave. She kissed it three times and recited from *Mayne Loshn* that which is said at the grave of a zaddik. And then she said, "I, Bintshe, daughter of Yokhved, have come with a broken and heavy heart to beseech you, Mordkhe-Binyomen, that you make haste and quickly go to plead on my behalf. And take a few more zaddikim with you. And, you should all agree that I, Bintshe, daughter of Yokhved, come out of this court case clean. She bent her knees, bowing three times to the grave and said, "A good-night to you, Reb Mordkhe-Binyomin."

Putting her right foot forward Bintshe then went straight to the grave of the *zaddik*, Reb Zushe Zomb. He was a powerful handworker who had died while performing his ritual hand-washing. She also spent time at his grave delivering her powerful prayers. And then she went to several more graves.

This whole group of intimates she visited loved each other so much when they were alive that even when they had business to take care of one didn't go anywhere without the others.

When day began to dawn Bintshe announced to her company that it was time to go home and lie down for a while because the appeal was scheduled for ten that morning and she had to prepare what she would say before the judge.

Let's let Bintshe lie down for a while and go look in on the Dozor.

And it came to pass that precisely on the day of the appeal, the yearly market was being held in Stok. The Dozor had to go to the market to buy a cow. So he went to the livestock market and bought a skinny cow with a fat tail. He paid seventy-seven gulden[60] for the cow and went to the tavern with the peasant who sold it to him to down a large stein. The peasant went on his way and the Dozor left the tavern leading his cow by the horn.

---

59 Bintshe makes a humorous or ironic mistake in this formula, replacing the word "us" (*aleynu*) with "sigh" (*aneykha*)

60 A gulden is worth fifteen kopeks or thirty groschen.

As he was going along like that, a passerby recognized the cow. He approached the Dozor saying, “Where did you get that cow?”

The Dozor, scared out of his mind, froze in his tracks not knowing at all how to respond. The peasant called for the policeman and the Dozor and his cow were dragged over to the administrative office. The peasant proceeded to tell the village magistrate that his cow had been taken from its stall the night before. So he went to the market to look for it and recognized it walking with this Jew.

The village magistrate immediately jailed the Dozor and gave the cow to the peasant.

Let me leave the Dozor sitting in jail for a while and let’s go to the witnesses, Reb Leyzer Maneles and Reb Yosele Razine.[61]

Reb Leyzer Maneles having just finished his prayers, went straight to the tavern to get a drink. As he walked into the bar he encountered Reb Yosele Raziner holding a large glass. Leyzer wondered about Reb Yosl and asked him, “Yosele, what’s the story with you today? That’s some tall glass you’ve got there. You’ll soon catch up to me.” Something must be up because Reb Yosl was not a big drinker. The barkeep was also surprised, but of course he had to keep it to himself.

Reb Yosele motioned Reb Leyzer aside and said to him, “Leyzer, don’t say anything to anyone but know that I’m going to be a witness today.”
Leyzer, releasing a big guffaw, blurted out, ‘Well what do you know, me too, I’m going to be a witness today too!”

Dear readers, you can’t possibly imagine the delight of these two. They didn’t beat around the bush, Reb Leyzer ordered two beer glasses filled with aquavit. And Reb Yosele also ordered the same. As they both drank their whiskey they began to argue, saying terrible things.

Reb Leyzer said to Reb Yosele, “You know what my advice to you is—you should go to sleep.”

And Reb Yosele said to Reb Leyzer, “And my advice to you is—you should go to sleep.”

As the barkeep listened to their confrontation he worried that the two were about to break into fisticuffs. So he advised them, smiling and saying, “The fairest thing would be for you both to go to sleep.”

That appealed to both men and they settled on it. *Nu*, the two witnesses fortunately went to sleep. Meanwhile the appeal was due to begin shortly.

Bintshe went out into the street to meet up with her witnesses. She wandered around the entire *shtetl* and didn’t see the witnesses anywhere. What was she to think, poor thing! So she decided to go to court in the meantime—the witnesses would probably turn up there. When Bintshe got to the courthouse she didn’t see the Dozor nor did she see the witnesses. She was completely at a loss about what to think.

The Dozor and the witnesses were called up to the bench. No one came forward. When the judge called Bintshe Tsutsokovske, she went up to the judge in terror and said the following words,“Please Sir Judge, I am here and he is not. None of the witnesses are

[61] Another name that changes in the text. Above, it was Reb Yosele Pozner; here it is Razine and Raziner. Each spelling is used only once.

here either. If he's not here then I'm not here. Please then Sir Judge, make the case not be here either."[62]

The judge had a good laugh. He had to at least hear the case but in the end the case was dismissed and Bintshe left.

When Bintshe got outside she heard talk that the Dozor had been arrested at the market in Stok. As soon as Bintshe heard this news she grabbed her apron, rubbed her hand with earth from the ground and said, "May God be praised that I have lived to see this."

She then went off in a rush to her company. All of them said it was obvious that Bintshe's prayers and the prayers of the aforementioned zaddikim achieved the merit to help Bintshe, save her from prison, and even take revenge on her enemy.

Everyone rejoiced and congratulated Bintshe with "mazel tov"s.

Our Bintshe, not being lazy, went into her pocket and pulled out a *drayer*[63] with which she sent off a messenger to bring back three cents worth of boiled peas. It wasn't long before the messenger returned with the peas.

Bintshe took it upon herself to hand the peas out, saying, "Dear comrades, enjoy—we must celebrate all day long. Today is like a holiday to me."

Bintshe really thought she had made it through. She spent all day with her pals rejoicing to the utmost.

Thursday evening when it was already time to go to *minkhe* Bintshe went to shul, too. As Bintshe got to the synagogue courtyard she heard a commotion—people were talking.

"What's all the hubbub about?" she asked.

Reb Shmelke Kubel and Reb Leyb Toter went over and asked her, "How is it possible, Bintshe, that you don't know that the Dozor was released from the Stok prison today?"

Bintshe froze in her tracks like a dead woman, at a loss for words. As soon as she recovered herself a little she said, "Shmelke, my dear, what are you saying?"

"Exactly what you're hearing," they responded. "To put it simply—the Dozor has been released from the Stok prison."

So now Bintshe went into shul with a bitter heart. The poor thing soaked her entire *korbn minkhe sidur*[64] with hot tears. Upon leaving shul Bintshe went directly to her cohort to tell them about her disaster.

Her company also got completely riled up. But there was nothing they could do but turn it over to God.

After the Dozor rested up a little from being arrested, he remembered that he was supposed to appear with Bintshe at the appeal. He ran to the judge, arriving very overheated. The judge begged his pardon in informing him that the case had been dismissed.

Although the Dozor was annoyed with the judge for dismissing the case, he knew it was best not to say a word. He thought to himself, "*Nu, nu*, that may be the case here but I will not keep quiet when it comes to her."

[62] Again, Bintshe speaks in Polish
[63] A three-cent coin
[64] Hasidic women's prayer book filled with supplications written by women in Yiddish.

On Friday he sent the *beys-din-shames*[65] to Bintshe to summon her to a *din-toyre*.[66] When the *shames* arrived at Bintshe's, even though she was pressed for time as she hadn't yet even greased her kugel pan, she nevertheless put all her work aside and got ready to go straight to the Rabbi.

Both litigants went and stood before the *beys din*.

The Dozor began by saying, "Why did this shrew attack my boy? Why did she pinch his arm? Holy Rebbe, you know my boy—he wouldn't hurt a fly. *Nu*, can you imagine the audacity of this woman to strike my boy."

Then Bintshe stepped forward and began her defense: "Holy Rebbe, you know very well that a custom overrides a law. And here in town there is a custom that when a woman leaves the *tvile* she must touch a boy. I did no more than barely touch his hand. Who knew that such a mess would come of it? Believe me, Holy Rebbe, I swear on everything holy, if I had known that such a mess would come of it, I wouldn't have even gone to the *tvile*. But most likely it has somehow been fated for me to pay for my sins."

The Rabbi requested to be paid for his verdict. Since the Dozor didn't have any money on him he asked the *beys-din-shames* to lend him some and put seventeen groschen down on the table. Bintshe matched his seventeen with seventeen of her own. The Rabbi then directed the two litigants, Bintshe and the Dozor, to leave the room. When the Dozor and Bintshe got outside they began to exchange words. Bintshe made the Dozor so angry that he was about to actually hit her. Bintshe screamed for help, "*Gevald!*"

A big to-do ensued. The entire *beys-din* rushed outside and brought the two of them back inside. The Rabbi was very angry. He said, "I am not about to get between two such folk. Especially since it is already almost time to welcome in the Sabbath. It would be better, if God wills it, for the Dozor to get three arbitrators on Sunday morning. And Bintshe too should get three arbitrators. Whatever the arbitrators decide, that's how it will be."

They both agreed to that and wished the Rabbi a good Shabbos and peacefully went home.

The Dozor spent his entire Shabbos thinking about who to get to arbitrate for him. And Bintshe too didn't know who to turn this business over to.

Long story short, the Dozor selected his three arbitrators: Reb Tsodek Loksh, Korske Melamed and the Pocked-Marked Carpenter. And he actually took his hand away from his heart and put all his trust in them.

Bintshe picked her three arbitrators from her own group of followers: Reb Leybl Trask, Reb Dovid Khlast and Reb Yudl Gratsh. Whatever resolution these three philosophers came to would be all right with her.

On Sunday morning Bintshe and her arbitrators went to the Dozor. The Dozor sent for his arbitrators. When they were all assembled they sat down at the table to think about the verdict they would pass on Bintshe.

Long story short, they convened for four hours and still could not come to an agreement.

---

[65] The usher for the rabbinical court

[66] Lawsuit before a rabbinic tribunal

As the gang was sitting there ruminating, Reb Korske Melamed, one of the arbitrators, suddenly spoke up, "My advice would be we take a yarmulke and put six lots in it—five of them blank and the sixth will have, 'winning ticket' written on it. Whoever draws the winning ticket will be blindfolded with a red handkerchief.[67] The other five arbitrators will stay in the room and who ever the blindfolded one catches—that's who will be the arbitrator to whom all the others will have to defer."

The arbitrators deliberated for a while and then, all in unison, called out, "Reb Korske Melamed is correct. First of all, he's a Torah scholar, therefore worthy to be relied on. Secondly, many more people will derive a moral from this story. Because this whole business stems from a boy and the cheder boys are always playing Blind Man's Bluff, it makes perfect sense that one of us should now too be blindfolded. All will see that the *eybershter*[68] pays out an eye for an eye."

Korske Melamed took off his yarmulke and put one winning ticket and five blanks in it. He then called out in a loud voice: "*Raboysim*, Sirs, roll up your right sleeve and prepare to draw a lot."

In great good fortune, the Pockmarked Carpenter drew out the winning lot. Reb Korske Melamed took it upon himself to move the table and benches out. He then took his red handkerchief out of his own pocket and blindfolded the Pockmarked Carpenter. He tied the blindfold tightly around the Carpenter's eyes and finished the job with two hard knots to hold the blindfold in place. Korske then led the Carpenter into the middle of the room and stepped away.

The poor carpenter stood there as if he'd soiled himself, looking completely disoriented.

He stood there for about half an hour until he decided to walk around the room. He eventually grabbed Reb Tsodek Loksh by the sleeve and wouldn't let go.

Korske Melamed ran over to the Pockmarked Carpenter and undid his red blindfold. He then brought the table and benches back in. They sat Reb Tsodek Loksh at the head of the table and everyone that was there said "mazel tov" to Reb Tsodek Loksh three times. Reb Tsodek Loksh sat as if he really were a king presiding over his troops.

The assembled got to rest for a bit while Reb Tsodek Loksh ruminated on the verdict. This went on for about two hours.

And then Reb Tsodek Loksh stood up and angrily said these words: "I, Tsodek, say that Bintshe bears the entire guilt. If it weren't for Bintshe, the Dozor's boy would never have gotten pinched on his arm. In light of this, I, Reb Tsodek Loksh, rule that Bintshe immediately take off her shoes and walk through the entire shtetl in her stocking feet declaring: 'Sirs, I sinned indeed when I pinched the Dozor's son for no reason at all. In light of this, *Raboysim*, I first went to God and now I'm coming to you. I beg you to forgive me.'"

Bintshe did not procrastinate. She simply removed her shoes and went directly into the shul and did everything Reb Tsodek Loksh had ordered.

Then she went home.

The following morning all the posts in the shul were covered with notices. As were all the butcher shops and all the side streets. The poster was actually written in the Rabbi's

[67] Certain Hasidic sects customarily used red handkerchiefs.
[68] *Eybershter*: Literally, "the one above"—another word for God.

own hand with the following words: "I hereby proclaim that upon leaving *tvile*, women are not to molest anyone. Any female who does not obey this order will not be allowed to even set foot in the shul for four weeks. And on the fifth week she will be obliged to go to the Rabbi to receive her penance."

And now dear readers we will commence with the building of a new bathhouse.

Even though the government prohibits building anything that is not made of brick, you must understand that a town like this must have a bathhouse. *Nu*, where are they going to get that much money to build a brick bathhouse?

It was decided that all the householders get together and have a meeting to figure out how to manage the cost of building a new brick bathhouse.

First things first, they decided to auction off the old bathhouse. The Rabbi sent the *shames* to summon all the householders. The whole town gathered at the Rabbi's. The *shames* stood up on a big bench and began auctioneering in his loudest voice: "Twelve rubles for the demolished bath-house."

He went on this way for about half an hour with no response at which point the *shames* ran out of strength to continue yelling. But luckily one of the people, Reb Moyshe Boltak, spoke up, "I'll give fifteen rubles." Then Reb Yisroel Koze raised it to eighteen rubles. The *shames* continued calling for bids for about another hour with no one else bidding.

The Rabbi finally yelled out for the *shames* to bang the gavel. So the *shames* yelled, "Eighteen rubles for the bathhouse going once, going twice, going three times and sold to Reb Yisroel Koze!"

All the proprietors went over to Reb Yisroel Koze and congratulated him. Reb Yisroel sent out for *shnaps*. As soon as the *shnaps* was drunk everyone sat down to a meeting to decide what was to be done with the money.

They decided to invest a third of it with the notable rich man, Reb Shmuel Kopels. He was a man you could trust. The principle was never to be touched and the interest that accrued would go to the Dozor to found a Talmud Torah.

The second third would be invested for Bintshe. She would use the accrued interest to arrange marriages for poor orphans. And the principle would most certainly remain principle.

The rest of the money was to go to the landowner who lived not far from the shtetl in the hamlet of Stoyadles. He had been wanting to plant a forest so the money was to be given to him for that purpose.

The first trees to grow to maturity in eighty years would go to the building of the bathhouse.

Dear readers, if you want to reap pleasure, eighty years from now you may come visit this shtetl and you will witness a new bathhouse being built.

# בינטשע די צדקתטע אָדער די אײַנגעפֿאַלענע באָד

דער וואָס האָט פֿיל צײַט און האָט פֿאַרגעניגן ליב
זאָל דאָס ביכל האָבן בײַ זיך אין שטוב
איך האָב דאָס מיט פֿיל מי געמאַכט
יעדערס צו זײַן זאַך גוט געטראַכט
דאָס ביכל איז גוט די צײַט צו פֿאַרווײַלן
דערהויפּט בײַ דעם לייענען זיך נישט צו אײַלן
פֿילײַכט וועט זיך איינער נעמען אין זינען
פֿאַר וואָס ער האָט דאָ קיין הסכּמות נישט געפֿונען
גלויבט, אַז איך האָב דאָס נישט געמאַכט געלט צו פֿאַרדינען
נאָר עפּעס רעכטס האָב איך ליב יעדן צו פֿאַרגינען.

**דיזע פּאַרשוינען שפּילן די ראָלע:**

בינטשע מיט דער ספּראַווע
טאָלצע די גבאיטע
די בלינדע שבֿע
חיה־גיטל כלאַסט
שׂרה שמאַלץ מיט דער פֿאַבריק
באַשע־אָדעס
מאַלע־פּעשע
[עטע] די קנעטערין
מרים־אינדע די טוקערין
די בעל־דבֿרקע

דער דאָזער מיטן ייִנגל
ר׳ אלחנן שמשׂ
ר׳ משה גרינעלעס
ר׳ אַבֿרהם שדכן
ר׳ לייזער מאַנעלעס
ר׳ משה־דוד פּ...
ר׳ משה־מרדכי מלמד
ר׳ דוד כלאַסט
ר׳ שלום יאַפּקע
ר׳ ישׂראל פֿראָסט

**בינטשע די צדקתטע**

אַ גוט מאָרגן בינטשע, איך שלאָג אײַך איבער די רייד, מיר זאָלן האָבן נחת און פֿרייד – טאָלצע זאָגט צו בינטשען – איך וויל אײַך דערציילן נײַעס.

בינטשע: וואָס פֿאַר אַ נײַעס?

[טאָלצע:] סטײַטש, איר האָט דען נישט געהערט?

בינטשע: ניין, איך זאָל אַזוי קיין שלעכטס נישט האָבן.

טאָלצע: כאַ, כאַ, כאַ, קליינע קינדער שמועסן שוין דערפֿון און איר ווייסט גאָר נישט.

בינטשע: נו, לאָמיך שוין וויסן.

טאָלצע: איך וועל אײַך זאָגן נאָר עס זאָל זײַן בסוד. בינטשע, קומט נאָר אַוועק אין אַ זײַט. איר זאָלט וויסן, אַז עס איז געבליבן בהסכּם אין דער גאַנצער שטאָט, אַז מען זאָל אײַנלייגן די באָד.

בינטשע: אוי גאָט איז מיט אײַך! וואָס רעדט איר? ווי הייסט, מען זאָל אײַנלייגן די באָד?

טאָלצע: אָט דאָס וואָס איר הערט.

בינטשע: אוי עס איז מיר נישט גוט, וואָס האָבן זיי זיך אָנגעכאַפּט גראָד אין דער באָד, לאָזן זיי זיך בעסער אָנכאַפּן אין די גלײַכע וועגט, בנאמנות איך וועל דאָס נישט שווײַגן.

טאָלצע: סטײַטש! איך האָב דאָך אײַך, דאַכט זיך, געזאָגט, אַז דאָס זאָל זײַן בסוד.

בינטשע: נו גוט, גוט. טוט מיר שוין הנאה. איר זאָלט מיר געזונט זײַן, וואָס זאָגן אויף דעם די דאָזערעס?

טאָלצע: כאַ, כאַ, כאַ! טאַקע נאָר פֿון די דאָזערעס קומט עס דאָך אַרויס.

בינטשע: נו, אַז עס איז יאָ אַזוי מוז איך עס נישט שווײַגן און איך וועל טאַקע גיין צו די דאָזערעס.

(בינטשע לויפֿט, נישט טויט נישט לעבעדיק, און קומט אַרײַן צום דאָזער פֿאַריאַכמערט, מלא־רציחה.)

בינטשע: גוט־מאָרגן, ווּ איז דער דאָזער?

(רופֿט זיך אָן דעם דאָזערס ווײַב מיט אַ פֿריילעך פּנים): האַ, בינטשע. גוט־מאָרגן, גוט־יאָר. צום געזונט זאָלט איר פֿרעגן, וואָס דאַרפֿט איר עפּעס האָבן מײַן מאַן?

בינטשע: (ענטפֿערט אויף דער נידעריקער שטימע): איך דאַרף עפּעס מיט אים צו רעדן.

(אין דעם קומט אָן דער דאָזער פֿון מיקווה און טרעפֿט בינטשען זיצן אויף דער שלאָפֿבאַנק.)

דער דאָזער: בינטשע, וואָס טוט איר עפּעס בײַ מיר? אַ פּנים עס מוז שוין זײַן נײַעס.

בינטשע: אַ פּנים עס איז יאָ אמת וואָס די וועלט זאָגט „ווער עס פֿילט זיך דער מיינט זיך“. (און בינטשע טוט זיך אַזוי אַ שטעל אויף מיט כּעס) איר האָט זיך שוין נישט געהאַט אין וואָס אָנצוכאַפּן נאָר אין דער באָד. וואָס ווילט איר, פֿאַראומרייניקן אַ שטאָט?

[דער דאָזער:] נו נו, אַדרבא. הייבט אָן מיט געמיינע לײַט.

דער דאָזער: הכּלל בינטשע רעדט נישט קיין סך איך עפֿן באַלד מיט אײַער קאָפּ די טיר. אַרויס, אַלטע מכשפֿה, פֿון מײַן שטוב!

(בינטשע לויפֿט אַרויס זייער דערשראָקן. פֿאַר גרויס שרעק, איז איר דאָס פֿאַרטעך אַראָפּגעפֿאַלן און די קאָפּקע האָט זיך איר אַרויפֿגערוקט. עס האָט גאָר ווייניק געפֿעלט מע זאָל איר די האָר פֿון קאָפּ אַרויסזען, און לויפֿט צוריק צו טאָלצען עפּעס קלערן אַ מיטל וואָס מע זאָל טאָן.)

בינטשע: (קומט אַרײַן צו טאָלצען מיט אַ פֿאַרביטערט האַרץ) גוטן אָוונט.

טאָלצע: גוטן־אָוונט, גוט־יאָר. בינטשעשי, וואָס הערט זיך?

בינטשע: אוי, לאָז מיך שוין אָפּ, איך גיי דאָך אַצונד טאַקע פֿון דאָזער. ער האָט מיך נאָך געוואָלט שלאָגן.

טאָלצע: זעט איר שוין, איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, גייט נישט, עס איז אומזיסט.

בינטשע: איך בעט אײַך טאָלצעשי, לייגט מיר נישט קיין שטיינער אויפֿן האַרץ, איך האָף נאָך צו גאָט עס וועט ווערן אַ שינוי. מיט גאָט צו הילף ווי בינטשע לייגט זיך אַרײַן מוז עפּעס נולד ווערן. נאָר מע מוז זײַן געדולד. איך וועל מיך נאָר זען מיט ר׳ אלחנן שמשׂ און טאַקע מיט ר׳ משה גרינעלעס וכּדומה ונראה דבֿרי מי יקום. מיר וועלן שוין זען בײַ וועלכעס עס וועט בלײַבן שטיין. און אַ גוטע נאַכט טאָלצע.

[טאָלצע:] אוי אַ גוט יאָר, הלוואַי מיר זאָלן זיך זען אין מײַן נחת ווי מיר זעען זיך אַצונד.

[בינטשע:] (טוט אַ פֿאַררײַס דעם קאָפּ און זאָגט) אָמן, אָמן.

אויף צו מאָרגן אין דער פֿרי גייט בינטשע אין שול אַרײַן און איז מזכּיר דעם דאָזער מיט דער באָד און דאַוונט אָפּ און גייט אַהיים און זי שיקט נאָך ר׳ אלחנן שמשׂ און נאָך ר׳ משה גרינעלעס און נאָך דער רעשט חבֿרה היימישע מענטשן און מע זעצט זיך צום טיש און עס ווערט אַ געפּילדער. איז געבליבן אַזוי: איינעם זאָל מען אַוועקשיקן צום קאַטעווער צדיק און איינעם קיין מאַקעוויץ און מע זאָל טאַקע נישט זשאַלעווען קיין געלט נאָר מע זאָל געבן שפּאָרע פּדיונות.

הכּלל די צוויי משולחים פֿאָרן אַוועק און האָבן זיך אָפּגעזאַמט אַכט טעג און זענען אַהיימגעקומען פּונקט די וואָך פֿון פּרשת־קרח. פֿרײַטיק בײַ טאָג זייגער פֿיר זענען געגאַנגען די חבֿרה אַ קוק טאָן אויפֿן שולהויף. דער שולהויף איז געווען פֿול מיט בעלי־בתּים. די צוויי לײַט פֿרעגן וואָס איז דאָ אַזוי אַ געפּילדער. איז צוגעגאַנגען ר׳ משה־מרדכי

מלמד און ר׳ אַבֿרהם שדכן און ר׳ שמואל־חיים בפּה־אחד: עולם, הײַנט האָט איר נאָך צײַט צו גיין אין מרחץ אַרײַן. נאָך שבת וועט מען אײַנלייגן די באָד.

מײַנע ליבע לעזער קענען פֿאָרשטיין ווי גרויס דער נאַראָד איז געווען אין באָד. מע איז געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ. דער בעדער האָט דעם פֿרײַטיק אָנגעשיט פֿולע קעשענעס. ווו נאָר אַ שלעכטן דרײַער האָט מען געבראַכט דעם בעדער.

אַ געוויינלעכע באָד אָן אַ בעזעם האָט געקאָסט פֿיר גראָשן; מיט אַ בעזעם זעקס גראָשן; אַ בעזעם מיט אַ שעפֿל אַכט גראָשן.

פֿאַר נאַכט האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן דער מיטעלער נאַראָד. הײַנו ר׳ יהושע גראַניצע... ר׳ שמואל דער בלינדער... ר׳ שלום יאַפּקע... ר׳ נחמן קאָפּקע... ר׳ משה־דוד פּ... ר׳ ישׂראל פֿראָסט... דאָס זענען די מיטעלע מענטשן.

ליבע לעזער, ווען איך זאָל אײַך ווען אַלע אויסשרײַבן וואָלט איר מיד געוואָרן לייענענדיק.

נו, לאָמיר שוין לאָזן שטיין דעם שולהויף מיט די בעלי־בתּים און צוריקגיין צו בינטשען.

פונקט פֿרײַטיק צו נאַכטס פרשת־קרח האָט בינטשע געהאַט אַ ליל־טבֿילה.

אין די קליינע שטעטלעך איז אַ מינהג: די נשים נאָך דער טבֿילה קוקן אַרײַן אין בית־המדרש כּדי זיי זאָלן זען הייליקייט, וועט איר אַרויסקומען אַ בן־תּורה. און וואָס פֿאַר אַ ייִנגל זי טרעפֿט אויפֿן וועג גיט זי אים אַ קניפּ...

ווי בינטשע גייט אַוועק פֿון בית־המדרש האָט זי געטראָפֿן אויפֿן וועג דעם דאָזערס ייִנגל, האָט זי אים אַ קניפּ געגעבן.

דאָס ייִנגל איז געבליבן שטיין זייער דערשראָקן און איז אַהיימגעלאָפֿן צום פֿאָטער מיט אַ גוואַלד.
דער פֿאָטער פֿרעגט אים: וואָס ביסטו אַזוי דערשראָקן? דערציילט ער אים אַז בינטשע האָט אים אַ קניפּ געטאָן.

זאָגט אַזוי דער פֿאָטער: איך מוז אַריבערגיין צו בינטשען און איך וועל איר פֿרעגן פֿאַר וואָס זי האָט דיר אַ קניפּ געטאָן.

ווי דער דאָזער איז אַרײַנגעקומען צו בינטשען אין שטוב האָט ער זי געטראָפֿן זיצן בײַ דעם צימעס הגם דער צימעס איז אַפֿילו געווען פֿון בריקעוו, נאָר אַ פּאַרע איז פֿון אים געגאַנגען אַזוי ווי פֿון דער גרעסטער פּאַראָווע מאַשין.

בינטשע בלײַבט זיצן זייער דערשראָקן און פֿרעגט דעם דאָזער: וואָס טוט איר עפּעס אַצונד בײַ מיר?
זאָגט אַזוי דער דאָזער מיט כּעס: פֿאַר וואָס האָט איר געשלאָגן מײַן ייִנגל?

רופֿט זיך אָן בינטשע: גאָט איז מיט אײַך! וואָס רעדט איר? ווי הייסט איך וועל שלאָגן אײַער ייִנגל? ווי קום איך צו אײַער ייִנגל?

זאָגט דער דאָזער: סטײַטש! איר האָט אויך אים געטאָן אַ קניפּ. דאָס ייִנגל האָט שיִער געחלשט!

די בינטשע האָט זיך דערמאָנט און זי שעמט זיך זייער פֿאַר דעם דאָזער צו פֿאַרענטפֿערן און לייקנט נאָר אָפּ די גאַנצע מעשׂה.

דער דאָזער גייט אַוועק מיט גרויס כּעס. באַלד נאָך הבֿדלה איז דער דאָזער געלאָפֿן צום סענדזשע מיט אַ פּאָדאַניע.

מי־יודע וויפֿל דאָס געשעפֿט וועט אָפּקאָסטן? לעת־עתּה איז עס אַוועקגעגאַנגען אין דער גובערניע אַריַין. לאָמיר די ספּראַווע לאָזן שטיין און מיר וועלן זיך נעמען צוריק צו דער באָד...

ויהי היום איז געוואָרן אין שטעטל גרויסע מחלוקות. איין צד האָט געזאָגט אַז מען זאָל נישט איַינלייגן די באָד. און דער אַנדערער צד האָט געזאָגט אַז מען זאָל יאָ איַינלייגן די באָד. איז געבליבן אַז מען זאָל מאַכן אַן אַסיפֿה און אַלע גרויסע לייַט זאָלן זיך אַריַינלייגן, און טאַקע דער רבֿ אויך. מען האָט אויסגעזעצט אַ צייַט אין וועלכן טאָג עס זאָל זיַין די אַסיפֿה און אויף וועלכן אָרט. איז געבליבן די אַסיפֿה זאָל זיַין אין סאַמע מיטוואָך ביַי טאָג זייגער דריַי, און דאָס אָרט זאָל זיַין לעבן דער ניַיער דרעקציע. אַזוי איז געווען. איז געבליבן ביַי דער אַסיפֿה אַז דער צד זאָל צונויפֿנעמען חתימות און דער אַנדערער צד זאָל צונויפֿנעמען חתימות און וועלכער צד עס וועט האָבן מיין חתימות וועט דער אַנדערער צד אויך מוזן באַשטיין. האָט מען אַרויסגעשיקט מענטשן פֿון ביידע צדדים נאָך חתימות. איין קאָמפּאַניע איז געגאַנגען אויף דער יאַטקע־גאַס און די אַנדערע אויף דער פּאָצטאָווע גאַס. אַזוי האָבן זיי זיך אָפּגעשמועסט.

נאָר ר׳ הללס גאַס מיטן שולהויף איז געבליבן, דער וואָס וועט זיַין שטאַרקער, דער וועט האָבן די חתימות.

מיַינע ליבע לעזער, איך מוז איַיך קלאָר מאַכן. אין די צוויי גאַסן דאָרט ווינען אַלע סופֿרים און אַלע שמשים, אַלע מלמדים, אַלע שוחטים. אַפֿילו אַז מען דאַרף האָבן אַ ביסל פּראָכנע אויף אַ ברית־מילה באַקומט מען אויך אויף די גאַסן. און דער שטאָטבוך, און דער בוך פֿון דער חבֿרה־קלעפּקע און פֿון אַנדערע חבֿרות, דער שליסל פֿון בית־הקבֿרות און דער מאַגאַזין פֿון די באָדבעזעמלעך, אַפֿילו דער מיַינסטער וואָס ער אַרבעט תּכריכים זיצט אויך אויף יענע גאַסן. קענט איר זיך שוין פֿאָרשטעלן וויפֿל חתימות מען קען פֿון דאָרט אַרויסשלעפּן...

ויהי היום די צוויי קאָמפּאַניעס האָבן זיך געטראָפֿן אויף דער שולגאַס און זענען אַלע אַריַין צו איין בעל־הבית. ער וואַר מיט זיַין כּשרן נאָמען ר׳ יודל גראַטש. איך וועל איַיך פֿאָרשטעלן דעם מענטש. אַ גראָבע נאָז, אַן אומריינעם קאָפּ, אַ בלינד אויג, אַן אויסגעדרייט מויל, אַ גאַרב אויף דער פּלייצע, קרום אויף ביידע פֿיס, ניַין טפֿחים די הייך. בקיצור אַ בעל־הבית מיט אַלע מעלות.

ב״ה הכּלל די צוויי קאָמפּאַניעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו קריגן און דער ר׳ יודל גראַטש איז געבליבן זיצן אַזוי ווי אָנגעמאַכט. ער האָט אַליין נישט געוווּסט ווי זיך אונטערצושריַיבן. אין שטוב איז געוואָרן אַ גרויס געפּילדער, אַ געשריי, אַ געוואַלד ביז מען האָט זיך אָנגעהויבן צו שלאָגן.

אין דעם איז אַריַינגעלאָפֿן איינער פֿון די פּילעזאָפֿן. זיַין נאָמען איז ר׳ דוד כלאַסט. האָט ער אַן עצה געגעבן אַז מען זאָל נעמען אַ פֿאַטשיילע און מען זאָל טאַקע נאָר פּשוט מאַכן אַ קניפּ, וועלכע קאָמפּאַניע וועלן אַרויסנעמען דעם קניפּ דאָ מוז זיך דער ר׳ יודל גראַטש אונטערשריַיבן. אַלע האָבן מסכּים געווען דערצו וואָרעם זיי האָבן דאָך געזען אַז דאָס איז אַ שטאַרקער איַינפֿאַל.

בקיצור די קאָמפּאַניע וואָס זיי נעמען צונויף חתימות אַז מען זאָל יאָ איַינלייגן די באָד האָבן צו מזל געוווּנען. איז דאָרט געוואָרן צווישן זיי אַ גרויסע שׂימחה. דער ר' יודל גראַטש האָט זיך צו מזל אונטערגעשריבן.

און די אַנדערע קאָמפּאַניע זענען אַרויסגעגאַנגען זייער פֿאַרשעמט אָבֿל־וחפֿוי־ראָש.

ליבע לעזער איר קענט זעלבסט פֿאַרשטיין זייער עגמת־נפֿש.

עס איז געקומען דאָנערשטיק בײַ נאַכט, איז מען שוין געווען פֿאַרטיק מיט דער גאַנצער שטאָט חתימות. די צוויי קאָמפּאַניעס זענען אַרײַנגעגאַנגען פּלאַוו צום רבֿ מיט די חתימות. דער רבֿ האָט זיך מכין געווען און האָט אָנגעהויבן איבערציילן די חתימות. איז געבליבן אַז מען זאָל די באָד אײַנלייגן וואָרעם דאָס צד האָט געהאַט מיין מיט דרײַצן חתימות פֿון יענעם צד. איז געבליבן אַז מאָרגן אין דער פֿרי זאָל זיך גאַנץ קהל צונויפֿקומען און מען זאָל אײַנלייגן די באָד.

אַ גאַנצע נאַכט איז געווען חושך אין שטעטל. גאָט האָט געהאָלפֿן, עס איז געוואָרן טאָג, זענען אַראָפּגעגאַנגען די טובֿי־העיר, די גרעסטע לײַט פֿון דער שטאָט מיט כּלי־מלחמה, איינער מיט אַ רידל, איינער מיט אַ דראָנג, איינער מיט אַ שטיין. ווי זיי האָבן געוואָלט אײַנלייגן די באָד איז געוואָרן אַ גרויס געוואַלד פֿון יענעם צד. מען האָט זיך אָנגעהויבן גאָר אויף ס'נײַ צו שלאָגן. דעם רעכטן קאָפּ, ר׳ אלחנן שמשׂ, האָט מען נעבעך געטאָן אַ וואָרף צו דער באָד, האָט מען מיט אים אַליין אַ גאַנצע וואַנט אײַנגעלייגט. אַזוי האָט איינער דעם אַנדערן אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף דער באָד ביז גאָט האָט געהאָלפֿן, די באָד איז אַליין צעפֿאַלן געוואָרן אויף שטיקלעך. מען האָט גאָר נישט געדאַרפֿט האָבן קיין כּלים, זי איז שוין נעבעך געווען פֿון צען יאָר פֿאַרפֿוילט.

אַצונד, ליבע לעזער, לאָמיר די באָד לאָזן ליגן און מיר וועלן דערציילן פֿון בינטשעס ספּראַווע…

אין אַ קליינער צײַט אַרום איז אָנגעקומען וויזעוואַניעס פֿון סאָנד. בינטשע האָט געקראָגן אַ וויזעוואַניע און דער דאָזער און צוויי עדות, ר׳ נחמן קליצקע און ר׳ שמואל סטראָנקע. די גאַנצע חבֿרה זענען געקומען אין דער גובערניע אַרײַן. ווי בינטשע קומט אַרײַן צו דער ספּראַווע דערזעט זי די צוויי עדות, ר׳ נחמן קליצקע און ר׳ שמואל סטראָנקע. פֿרעגט זי זיי, וואָס טוט איר עפּעס דאָ? ענטפֿערן זיי, סטײַטש! ווייסט איר גאָר נישט? מיר זענען דאָך עדות אַז איר האָט דעם דאָזערס יִנגל אַ קניפּ געטאָן. די בינטשע ווערט זייער דערשראָקן און זי האָט טאַקע פֿאַר יסורים געטאָן אַ גרויסן שמעק טאַביק. און זי האָט אַ נאָס געטאָן. ווי הייסט? איר האָט דען געזען?

זי ווייסט נעבעך דעם אמת אַז יענע נאַכט ווען זי איז טבֿילה געגאַנגען איז בײַ איר קיינער נישט געווען.

נאָר, זאָגט זי צו זיך אַליין, ערשט זע איך אַז עס איז אמת וואָס חיי הנבֿיא האָט געזאָגט אין דער הגדה אָזנים לכּותל יש. דאָס הייסט, גאַסן האָבן אויגן און ווענט האָבן אויערן…

דער דאָזער שטעלט זיך אַנידער פֿאַרן סענדזשע און הייבט אָן דערציילן די גאַנצע מעשׂה.

פּראָשע פּאַני סענדזשע, מאָי כלאָפּיק ייִדזע, טען קאָביטע ביע. רופֿט דער סענדזשע צו אַן עדות און ער פֿרעגט אים אויס. זאָגט ער אויך אַזוי, יאַק טען פּאַן דאָזאָר פּאָקאַזע טאַק מאַטשע.

דער אַנדערער עדות זאָגט, נעך וואַס בענדזע טאַק יאַק באָל.

אַצונד רופֿט מען צו בינטשען. הייבט בינטשע אָן צו זאָגן, פּראָשע פּאַני סענדזשע, יאַ יעסט פּירשע דאָ באָגע פּאָטעם דאָ טשעביע. יאַ ייִדזע איז מקווה דאָדאָמע טען כלאָפּעק ייִדזע איז בית המדרש דאָדאָמע. אָן ייִדזע אַ ייִדזע יאַק טען סטאָיע מישלע זע טאָ מאָיע. אָן קסיטש יאַ טילקאָ זאַ רענקע, אָן קסיטש געוואַלד. פּראָשע פּאַני יאַ נע יעזדעם טאַקי. נאָ כלאָפּעק זראָביע מכּה.

הכּלל, פּראָשע פּאַני, טען עדות יעסט שקר. יאַ פּשינעשיע מאָיע...

איז מן־הסתּם די ספּראַווע אָפּגעפֿאַלן. און דער דאָזער מאַכט אַן אַפּעלאַציע...

ווי בינטשע קומט צוריק פֿון דער גובערניע האָט זי זיך געטראָפֿן מיט איר קאָמפּאַניע. ליבע לעזער, איך מוז שוין פֿאָרשטעלן די גאַנצע קאָמפּאַניע.

די בלינדע שבֿע, חיה־גיטל כלאַסט, די לאָמע מילנערקע, שׂרה שמאַלץ, באַשע־אָדעס.

וכּדומה, די גאַנצע קאָמפּאַניע מיט אַ הויכער שטימע: סקאָצל קומט! בינטשע, וואָס האָט איר געמאַכט מיט אייַער ספּראַווע?

זאָגט בינטשע אַזוי פֿאַרזאָרגט: אוי! וואָס האָב איך געקענט מאַכן? דער דאָזער האָט געמאַכט אַן אַפּעלאַציע.

די בלינדע שבֿע ווערט זייער דערשראָקן און זאָגט: ווי הייסט, ער האָט געמאַכט אַ נייַע פּאָליציע? גאָט איז מיט אייַך! וואָס רעדט איר? ער וועט פֿאַרפֿוילט ווערן אין קייטן!

בינטשע טוט כּלומרשט אַ שמייכל צו דער בלינדער שבֿע און זאָגט אַזוי: שבֿעשי, האָט מיר נישט פֿאַראיבל, איר זענט פֿון דער אַלטער וועלט. איך בעט איבער אייַער כּבֿוד, איר ווייסט נאָך נישט ווי אַזוי הײַנט גייט צו בײַ די סענדזשעס. און בינטשע דערציילט נאָך אַ מאָל פֿאַר דער קאָמפּאַניע די טענות וואָס זי האָט באַלייגט בײַ דעם סענדזשע. כּולם בפּה־אחד, די גאַנצע קאָמפּאַניע ענטפֿערן: בינטשע אַזאַ יאָר זאָלן מיר האָבן ווי גוט איר האָט זיך אויסגעשמועסט. ווי הייסט? רופֿט זיך אָן חיה־גיטל כלאַסט. איך בין יענע וואָך בײַ דעם אַלטן צדיק געווען. האָט מען דאָך מיר גאָרנישט געלאָזט רעדן.

בינטשע זאָגט: קינדערלעך, אַצונד איז נישטאָ קיין צײַט צו שמועסן וועלטזאַכן. לאָזן מיר בעסער זען צו טראַכטן אַ פֿאָרטל ווי אַזוי איך זאָל ניצול ווערן פֿון דער אַפּעלאַציע.

באַשע־אָדעס טוט אַ גרויסן זיפֿץ.

שׂרה שמאַלץ טוט זי אַ רוף אַוועק אין דער זײַט און פֿרעגט זי, באַשע־אָדעס וואָס זיפֿצט איר אַזוי?

זאָגט באַשע־אָדעס, נו, נו, לאָז מיך שוין צו רו וואָס איך זיפֿץ. עפּעס אַ קלייניקייט זי דאַרף נאָך אַ מאָל שטיין אין סאָנד און אַליין טענהן? איר ווייסט דאָך, דאַכט זיך מיר, נישט אַז דוד המלך ע״ה האָט געזאָגט אין די קינות החיים והלשון ביד המוות. גוט, זי האָט זיך דאָס ערשטע מאָל גוט אויסגעטענהט. נישט אַלע מאָל געשעט נסים.

מײַנע ליבע לעזער קענען פֿאַרשטיין ווי גרויס דאָס צער איז געווען בײַ בינטשען און בײַ איר קאָמפּאַניע.

בינטשע זאָגט, אַ גוטן טאָג אײַך. איך מוז גיין אַהיים שלאָפֿן, דען איך בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן. פֿאַר נאַכט נאָך מינחה זאָלט איר אַלע קומען צו מיר אַהיים און איך וועל שיקן נאָך אַלע מײַנע גוטע־פֿרײַנד. וועלן מיר שוין אַלע אין איינעם איבערשמועסן דאָס געשעפֿט.

בינטשע גייט אַהיים און די קאָמפּאַניע צעגייען זיך יעדער צו זײַן געשעפֿט.

די בלינדע שבֿע גייט מאַכן וויזיטן בײַ די קראַנקע. מיט אַ טייל זאָגט זי ווידוי און מעסט פֿעלד. דאָס איז שטענדיק איר פּראָפֿעסיע.

חיה־גיטל כלאַסט לויפֿט אַרויס אויפֿן דאָרף און קויפֿט אויף פֿאַרשידענע סחורות – קאַרטאָפֿליע־שאָלעכץ, אַ דרילעכן פֿאַרטעך און קלײַבט אָן איבערן וועג אַ ביסל ראָסראָדניק, וואָס גאָט באַשערט.

די לאָמע מילנערקע, זי איז שוין אַפֿילו טויט פֿון דרײַ יאָר, נאָר דאָס געשעפֿט פֿירט זיך נאָך.

אויף דער פֿראָנטאָווער גאַס שטייט אַ מענטש פֿון איר האַנט מיט פֿאַרשידענע פֿרוכטן, מאַקעווקעס, פֿאָשלאַדקעס, באַניע־קערן, יענגאַלקעס, פֿאַרפֿוילטע עפּעלעך, און טאַקע אַ ביסל צעלניק אויך. דהײַנו רויבאַרברע, צענעס, לאַקרעץ־פּלעצל.

שׂרה שמאַלץ פֿירט אַ פֿאַבריק. זי אַרבעט זאַכן, פֿאַרריכט אַלטע פּלודערן, און דערנעבן אַ שטיקל מיסחר: אַז דער נײַער שטשאַוו קומט אַרויס קלײַבט זי אַלע טאָג אָן אַ פֿול פֿאַרטעך שטשאַוו און דאָס ווערט פֿאַרקויפֿט מיט רווח.

באַשע־אָדעס האָט פֿיל קענטעניש אין זיך און זי טויג שוין צו אַ ריפּקוכן, אַ קינד אַ בײַכל אויסצושמירן און טאַקע, אַז עס מאַכט זיך, אַ פּאַרך אָפּצורײַסן. זי איז ב״ה אַ שטאַרקע מומחהטע.

גאָט האָט געהאָלפֿן. עס איז צו מזל נאַכט געוואָרן. די קאָמפּאַניע זענען צוריק געקומען פֿון דער אַרבעט און זענען געגאַנגען גלײַך צו בינטשען. מען האָט זיך אַנידערגעזעצט שמיאַלע בײַ דעם טיש, בינטשע איז געזעסן אויבן אָן. אַרום איר איז געזעסן די סוויטע און מען האָט אָנגעהויבן קלערן וואָס צו טאָן. מען האָט געשיקט נאָך די רעשט קאָמפּאַניע, מאַנסלײַט און ווײַבער, בינטשעס גוטע־פֿרײַנד. מען איז אָפּגעזעסן ביז זייגער צוועלף בײַ נאַכט. די לײַט האָבן געזען אַז עס וועט צו קיין ענדע נישט קומען. האָט זיך געטאָן אַ רוף אָן מרים־אינדע די טוקערין אויף דעם גראָבן קול: רבותים, איך בעט איבער ענקער כּבֿוד. מײַן עצה וואָלט געווען – אַזוי ווי מיר זיצן דאָ אַלע, זאָלן מיר גיין אין שול אַרײַן און מען זאָל מתפּלל זײַן יעדערע אישה מיט איר תּפֿילה און יעדערער מאַנספּערזאָן מיט זײַן תּפֿילה און מען זאָל טאַקע וויינען און קלאָגן. אפֿשר וועט עפּעס גאָט רחמנות האָבן אויף בינטשעס אַלטע יאָר.

איז געוואָרן אַ גערעדערײַ צווישן גאַנצן נאַראָד און אַלע האָבן מסכּים געווען אַז מרים־אינדע די טוקערין איז גערעכט. עפּעס אַ גוטער מלאך האָט איר די עצה געשיקט אין זינען אַרײַן...

האָ גבֿרא והאָ טראַסקע.

דאָ רעדט מען און דאָ טוט מען. מען שיקט עקסטרע אַ שליח־מיוחד נאָכן שליסל פֿון חיבוט־הקבֿר, דער שליסל ליגט בײַ דער אישה־הצנועה מאַלע־פּעשע און דער שליח איז געווען קרום אויף ביידע פֿיס, אַ ביסל טויב, בלינד אויף ביידע אויגן. זײַן נאָמען איז ר׳ לייב טראַסק.

ליבע לעזער, איר דאַרפֿט זעלבסט פֿאַרשטיין, אַז מען שיקט אַזאַ געשיקטן שליח, געדויערט נישט לאַנג דער וועג. עס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן בלויען אויף טאָג, דער שליח איז שוין צו מזל דאָ צוריק מיטן שליסל. עס איז געוואָרן אַ גרויס געפּילדער, ברוך־הבאָ, ר׳ לייב טראַסק. דער גאַנצע נאַראָד טוט זיך אַ שיט אויס מיט אַ מאָל און מען גייט פּלאַוו אין שול אַרײַן. בינטשע גייט פֿריִער און די גאַנצע חבֿרה נאָך איר. מען קומט פֿאַר דער שול, גייט צו בינטשע פֿאַר דער טיר און קלאַפּט אָן דרײַ מאָל מיט דעם שליסל. אַזוי ווי זי האָט געטאָן דעם דריטן קלאַפּ האָט זיך דער צאָן פֿון דעם שליסל אָפּגעבראָכן. איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה. אַלע האָבן געזאָגט מען זעט באַשײַנפּערלעך אַרויס אַז מען לאָזט נישט פֿון הימל, מן־הסתּם איז עפּעס דאָ אַ חטא אין שטאָט. מען וועט מוזן גוזר־תּענית זײַן און טאַקע

אויסרופֿן מיט די דרײַ אותיות: ווער עס פֿילט זיך עפּעס אָדער ער ווייסט עפּעס פֿון אַ חטא, איז מען אויף אים גוזר־בגזירות אַז ער זאָל קומען זאָגן צו בינטשען און טאַקע נאָך היַינט זאָל עס זײַן. מען האָט טאַקע באַלד אַרויסגעשיקט ר׳ אלחנן שמשׂ מיט דעם גראָבן שטעקן און ער האָט שוין גערופֿן אין שול אַרײַן. דער פּראָסטער עולם האָט אַפֿילו געמיינט אַז מען רופֿט אין שול אַרײַן וועגן פּאָדאַטקעס צאָלן. דערווײַל איז זיך דאָס גאַנצע שטעטל צונויפֿגעקומען אין שול אַרײַן און מען האָט איבערגעשמועסט דאָס גאַנצע געשעפֿט פֿון אָנהייב ביזן סוף און מען האָט טאַקע גאָר פּשוט גוזר־תּענית געווען און מען האָט געטאָן אַ זאָג אַרויס טאַקע די דרײַ אותיות בזה־הלשון: אפֿשר ווייסט איינער פֿון אַנדערן עפּעס אַ חטא, אָדער אפֿשר פֿילט זיך איינער בײַ זיך עפּעס אַ חטא, איז מען גוזר־בגזירות אַז ער מוז אויסזאָגן.

אַזוי ווי דער שמשׂ האָט אויסגערופֿן, האָט געטאָן אַ קריך אַפּיר פֿון אונטער דעם טיש ר׳ אַהרן שמערקעס מיט אַ הייזעריקער שטימע: רבותים, איך וואָלט אַפֿילו נישט געזאָגט, נאָר ווײַל מען האָט גוזר געווען בין איך געניייט צו זאָגן דעם אמת. אַצונד טוט מיר שוין באַנג פֿאַר וואָס איך האָב ביז אַהער נישט אויסגעזאָגט. איר זאָלט וויסן אַז פֿאַר צוויי וואָכן בין איך געווען אין סטאָק אויפֿן אָרט. האָב איך אַליין געזען באשר אָרון ריקערס זון איז געגאַנגען מיטוואָך בײַ טאָג אין אויסגעפּוצטע שטיוול און איך מיין אַז דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל.

דער גאַנצער עולם איז געבליבן שטיין אָן לשון, זייער דערשראָקן. אָט אַזוי האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, איז געוואָרן אַ געשריי כּולם בפּה אחד בזה־הלשון: עס זאָל אויסגיין צו זײַן קאָפּ! און צו זײַנע הענט און צו זײַן לײַב און לעבן! קיין אומשולדיקס זאָל דאָ גאָרנישט געניסן!

און דאָס קהל איז צוגעגאַנגען צו ר׳ אַהרן שמערקעס און מען האָט אים געזאָגט מותּר לך. מותּר לך. מותּר לך. און ר׳ אַהרן שמערקעס האָט געפֿונדעוועט פֿאַרן עולם אַ האַלב קוואַטירל אָקעוויט.

דער עולם איז אַהיימגעגאַנגען. און ר׳ אלחנן שמשׂ איז געלאָפֿן גיך מיטן שליסל צו ר׳ ישעיה קאָוואַל. ר׳ ישעיה האָט צו מזל צוגעניטעוועט אַ צאָן צום שליסל און מען האָט דעם שליסל אַהיימגעפֿירט בינטשען מיט גרויס פּאַראַד. מען האָט באַלד געשיקט אַ ידיעה צו דער גאַנצער קאָמפּאַניע אַז דער שליסל איז שוין צו מזל פֿאַרריכט.

לעת־ערבֿ צווישן מינחה און מעריבֿ איז זיך דער עולם, טאַקע בינטשעס קאָמפּאַניע היימישע מענטשן,
צונויפֿגעקומען. איז געבליבן אַז זייגער צוועלף זאָל מען גיין אין שול אַרײַן און מען זאָל מתפּלל זײַן אַזוי ווי עס דאַרף צו זײַן.

זייגער צוועלף בײַ נאַכט זענען די גאַנצע קאָמפּאַניע געגאַנגען מיט בינטשען צו דער שול. מען האָט טאַקע פּשוט געטאָן דרײַ קלעפּ און מען האָט אין אַ מזלדיקער שעה געעפֿנט די שול און אַלע זענען פֿלאַוו אַרײַנגעגאַנגען. און בינטשע האָט זיך געוואַשן די הענט און האָט געטאָן אַ קוש די מזוזה. און זי איז צוגעגאַנגען צו דעם אָרון־קודש און האָט אָנגעהויבן מתפּלל זײַן.

ליבע לעזער, איך מוז אײַך באַקאַנט מאַכן ווי אַזוי בינטשע האָט מתפּלל געווען אין שול זייגער צוועלף בײַ נאַכט, וואָס דעמאָלט איז אַן עת־רצון. אַלע וואַרטאָווניקעס שטייען אויפֿן גאַס. עס איז שטיל אין שטעטל. מען הערט נישט מיין, נאָר די אַלטע בעלי־בתּים כראָפּען פֿון די בעטן אַרויס.

בינטשע גייט צו מיט אַ פֿאַרביטערט האַרץ און די קאָמפּאַניע אַרום איר.

בינטשע טוט אַ לאָז אַרויס אַ יאָמערלעכן קול מיט דעם נוסח פֿון מעבֿר־יבוק…
ראַבּ יונה של עולם!

אַני אַמתך, איך, בינטשע דײַן דינסט,
בעט בײַ דיר אַז מײַן תּפֿילה זאָל נישט זײַן אומזינסט.
געדענקסטו, זיסער גאָט, ווען מײַן מאַן האָט מיר געוואָלט געבן גט?
האָבן מיר זיך ביידע אויך אַ ביסל איבערגערעדט.
איך האָב מיך געוואָלט אָננעמען פֿאַר דער שטאָט
אַז מען זאָל נישט אײַנלייגן די באָד.
איז מיר פֿאַרשטעלט געוואָרן אַלע וועגן,
און טאַקע ר׳ אלחנן שמשׂ האָט נאָך אַליין געהאָלפֿן מיטן קאָפּ די באָד אײַנלייגן.
יענע וואָך האָט זיך מײַן מאַן פֿאַרגלוסט,
בין איך טבֿילה געגאַנגען, איז מיר געשען אַן אומגליק נאָר אומזיסט.
ר׳ יונה של עולם, דו ווייסט דאָך גוט אַז איך בין מיר נישט געגאַנגען נאָכגעבן די תּאווה.
העלף מיר אַצונד אַרויס פֿון מײַן נויט, אַז איך זאָל געווינען די ספּראַווע.
אַלע גוטע זכותן זאָלן אַצונד פֿאַר מיר לויפֿן און בעטן,
אַז איך, בינטשע, זאָל חלילה נישט פֿאַרפֿוילט ווערן אין קייטן.
ראַב יונה של עולם, פֿאַרנעם מײַן געבעט,
אַז איך זאָל נאָך עפּעס קענען אויף דער וועלט טאָן, אַזוי ווי בײַ מיר שטייט
אין דער תּחינה פֿון שערי־ציון.
זײַ מיך מזכּה אין זכות פֿון דער בלינדער שבֿע,
און זײַ מיך מזכּה אין זכות פֿון לוט הצדיק, וואָס ער האָט אַרויסגעשריגן „צדקה ממני“ פֿון דער תּבֿה.
זײַ מיך מזכּה אין זכות פֿון לאה מרדכיס די בלינדע.
איך זאָל פועלן אַל דאָס גוטס אין זכות פֿון דער טוקערין מרים־אינדע.
באַווײַז מיר דײַנע וווּנדער,
אַז איך זאָל נישט קריגן געשלאָגן פֿון מײַנע קינדער.
עניני בזכות טיטוס, בזכות קורח, בזכות בלשאצר, בזכות המן, בזכות בלק בן־ציפור, בזכות נבֿוזראדן, בזכות תּרח, בזכות בלעם, בזכות נמרוד, בזכות ירבֿעם בן־נבֿט, ענינו.

ווי בינטשע האָט געקאָנטשעט די תּפֿילה, האָט זי זיך געטאָן אַ נייג פֿאַרן פּרוכת און זי האָט געזאָגט: אַ גוטן טאָג. אין אַ קליינער צײַט אַרום וועלן מיר זיך ווײַטער זען אין גרויס נחת.

און די גאַנצע קאָמפּאַניע זענען געשטאַנען אַרום איר און האָבן אויסגעהערט די תּפֿילות און האָבן נאָכגעזאָגט אָמן אַזוי ווי תּמיד.

בינטשע האָט זיך אויסגעווישט די אויגן און זי האָט געטאָן אַ געשריי אויף דער גראָבער שטימע: זײַט מסכּים אַז בינטשע בת־יאָכפֿעט זאָל האָבן געפּועלט אַל דאָס גוטס.

זיי האָבן טאַקע אַזוי געטאָן. יעדערער איז צוגעגאַנגען און האָט אָנגעוווּנטשן אַז זי זאָל האָבן געפּועלט אַל דאָס גוטס.

און בינטשע האָט אָנגעצונדן אַ ליכט אויף ר׳ מאיר בעל־הנס און די קאָמפּאַניע זענען זיך [צו] ביסלעך צעגאַנגען.

בינטשע האָט אַליין פֿאַרשלאָסן די שול און ר׳ לייב טראַסק האָט אַוועקגעטראָגן דעם שליסל צו מאַלע־פּעשע, און מאַלע־פּעשע האָט אויך מסכּים געווען אַז בינטשע זאָל האָבן געפּועלט אַל דאָס גוטס.

דער עולם איז זיך צעגאַנגען יעדערער צו זײַן געשעפֿט.

ר׳ לייב טראַסק איז אויך געגאַנגען אָנקלײַבן אַ ביסל פֿאַרפֿוילט האָלץ אויף פּראָכנע צו מאַכן, וואָרעם דאָס האָט ר׳ לייב טראַסק אָפּגעדונגען פֿון דער שטאָט: קיין אַנדערער טאָר דאָס נישט מאַכן, נאָר דער ר׳ לייב טראַסק. הגם עס איז געווען איבער דעם פּיל מחלוקת אין שטעטל. נאָר ר׳ לייב טראַסק האָט פֿאָרט געוווּנען דעם דין־תּורה ווײַל זײַן פֿאָטער האָט זיך אויך געטראָדנעט אין דעם געשעפֿט. איז געבליבן מעשׂה אָבֿות יורשים בנים און אַ מינהג ברעכט אַ דין. ר׳ לייב טראַסק בלײַבט בײַ דעם געשעפֿט.

יעצט, ליבע לעזער, וועלן מיר בינטשען לאָזן אַ ביסל זיצן אין דער היים, און פֿון דער גובערניע דאַרף שוין באַלד אָנקומען פּרישע ווזעוואַניעס.

אויפֿן דריטן טאָג איז געוואָרן אַ גערויש און אַ געפּילדער אין שטעטל, וואָס ר׳ פּסח פּאָטשטער האָט שוין געברענגט ווזעוואַניעס פֿון דער גובערניע. ר׳ פּסח גייט גלײַך אַרײַן צו בינטשען. און טוט אַ געשריי: גוט מאָרגן, בינטשע! ענטפֿערט בינטשע: אַ גוט יאָר אויף אײַך, ר׳ פּסח.

דער ר׳ פּסח האָט פּונקט אין יענעם טאָג געמאַכט אַ ברית און בינטשע גייט אויף אַלע אָרעמע בריתן. האָט זי געמיינט אַז ר׳ פּסח איז איר געקומען בעטן אויפֿן ברית. פֿרעגט זי אים אַזוי, נו, ווען וועט מען שוין ייִדישן דאָס קינד? רופֿט זיך אָן פּסח ווי אַ צעמישטער: וואָס פֿאַר אַ ייִדישן אַ קינד? וואָס רעדט איר, בינטשע? נאַט אײַך בעסער אַ ווזעוואַניע פֿון דער אַפּעלאַציע.

בינטשע בלײַבט זיצן זייער דערשראָקן. זי שטאַרבט אָפּ גלידווײַז און זי זאָגט אַזוי: אוי, אַ בראָך איז צו מײַנע אַלטע יאָרן, שוין ווײַטער אַ זיברעוואַניע!

פּסח ווערט אין כּעס און זאָגט: בינטשע, דאָס הייסט נישט קיין זיברעוואַניע, נאָר אַ ווזעוואַניע. רופֿט זיך אָן בינטשע, נו, נו, לאָז שוין זײַן אַ ווזעוואַניע. עס מעג שוין זײַן וואָס עס וויל, עס איז מיר שוין אַלץ איינס.

ר׳ פּסח גייט אַוועק גלײַך צום דאָזער, און צו די ערשטע צוויי עדות, ר׳ נחמן קליצקע און ר׳ שמואל סטראָנקע, און גיט זיי אָפּ די ווזעוואַניעס, און ר׳ פּסח גייט אַהיים ייִדישן דאָס קינד.

די בינטשע לאָזט עס שוין נישט רוען. זי קען שוין אין שטוב נישט אײַנזיצן. זי לויפֿט גלײַך צו אירע גוטע־פֿרײַנד, טאַקע צו דער ערשטער חבֿרה.

ר׳ אלחנן שמשׂ, ר׳ משה גרינעלעס, ר׳ אַבֿרהם שדכן, ר׳ לייזער מאַנעלעס, ר׳ יהושע גראַניצע, ר׳ שמואל דער בלינדער, ר׳ שלום [יאַפּקע, ר' נחמן] קאָפּקע, ר׳ משה־דוד פּ., ר׳ ישׂראל פֿראָסט, ר׳ ייִדל גראַטש, אַחוץ נשים: די בלינדע שבֿע, באַשע־אָדעס, די לאָמע מילנערקע, שׂרה שמאַלץ, חיה־גיטל כלאַסט, מאַלע־פּעשע, מרים־אינדע די טוקערין, עטע די קנעטערין, די טשעבאַכע, די בעל־דבֿרקע.

די גאַנצע חבֿרה זענען זיך צונויפֿגעקומען צו בינטשען. אָנפֿאַנגס האָט מען געשמועסט אַ ביסל פּאָליטיק פֿון וואַרשע, ווי אַזוי די קאָליע גייט אין מיטן דער גאַס, און אויף אַלע גאַסן וואַקסט שטיקער אײַזן און מענטשן האַלטן דעכער אין די הענט.

און באַשע־אָדעס האָט אויך דערציילט אַ ביסל נײַעס, באשר זי האָט אַליין געזען אין וואַרשע אויף דער וואָלאָווע גאַס דורכלויפֿן אין איין מינוט אפֿשר הונדערט קאַסעס מיט געלט, עפּעס אַזוינע שוואַרצע פֿעסער לאַנגע.

אין דעם טוט זיך בינטשע אַ רוף אָן: לאָז שוין זײַן גענוג געשמועסט פּאָליטיק! לאָמיר בעסער שמועסן וועגן מײַן געשעפֿט. זמרי בן־סלוא האָט געזאָגט אין פּרק, אין מערבֿין שׂימחה בשׂימחה. דער טײַטש איז, איידער מען קאָנטשעט דאָס ערשטע געשעפֿט טאָר מען זיך נישט נעמען צו אַן אַנדער געשעפֿט. אַזוי ווי בינטשע האָט דאָס אָפּגעזאָגט, האָט חיה־גיטל כלאַסט געטאָן אַ שטאַרקן נאָס. האָט בינטשע געזאָגט: חיה־גיטל, צי זיך בײַ די אויערן. און די גאַנצע קאָמפּאַניע האָבן געזאָגט: צום געזונט זאָל אײַך זײַן!

אין דעם האָט אָדעס געטאָן אַ געשריי: קינדערלעך, מײַן עצה וואָלט געווען אַז מיר זאָלן אין איינעם בײַ נאַכט זייגער צוועלף גיין אויפֿן הייליקן אָרט און מען זאָל רײַסן קבֿרים, און מען זאָל אויסזאָגן דעם גאַנצן מענה־לשון, און די בלינדע שבֿע זאָל מעסטן פֿעלד, און איידער בינטשע וועט גיין אין דער גובערניע אַרײַן זאָל מען אָנצינדן ליכט אין אַלע שולן, די ליכט זאָלן ברענען ביז נאָך דער ספּראַווע.

די גאַנצע קאָמפּאַניע האָבן מסכּים געווען בזה־הלשון: אַזוי אַ יאָר זאָלן מיר האָבן ווי באַש־אָדעס איז גערעכט. נאָר הײַנט בײַ נאַכט איז שוין צו שפּעט. גאָט זאָל שענקען דאָס געזונט – מאָרגן וועלן מיר שוין גיין.

גאָט האָט געהאָלפֿן. עס איז געקומען אין דער פֿרי, איז בינטשע אַרויסגעגאַנגען אויפֿן שטעטל אויסזוכן אַ פּאָר עדות. ווי זי גייט אַזוי האָט זי דערזען ר׳ לייזער מאַנעלעס. ער איז אַ ייִד אַ בן־תּורה. אַ נאָז אַזוי ווי אַן אתרוג, אײַנגעפֿאַלענע באַקן, אַן אויסגעקראָכן בערדל, אַלטמאָדיש געקליידט, אַ ייִד מיט אַלע מעלות. ב״ה אַ גוטן טרונק בראָנפֿן האָט ער אויך נישט פֿײַנט. ער טרינקט נישט אַנדערש נאָר מיט אַ בירגלאָז, און פֿאַרבײַסט אַ קאַווגלאָז.

ווי בינטשע האָט אים דערזען, זאָגט זי אַזוי צו אים: ר׳ לייזער, זײַט זשע מוחל, קומט נאָר אַהער.

וואָס בינטשעשי? פֿרעגט אַזוי ר׳ לייזער. דער ר׳ לייזער האָט געמיינט אַז זי רופֿט אים אויף אַ שבֿע־ברכות, נעמט ר׳ לייזער אַרויס די פּושקע און איז בינטשען מכבד מיט אַ שמעק טאַביק. די בינטשע האָט זיך זייער שטאַרק צענאָסן. און זי האָט ר׳ לייזערן פֿאַרשפּריצט דאָס גאַנצע פּנים. פֿרעגט אַזוי ר׳ לייזער מאַנעלעס בינטשען: בײַ וועמען איז עס הײַנט שבֿע־ברכות?

בינטשע: ר׳ לייזער, גאָט איז מיט אײַך! וואָס פֿאַר אַ שבֿע־ברכות? איך דאַרף פּשוט האָבן עדות. פֿרעגט אַזוי ר׳ לייזער: בײַ וועמען איז עס הײַנט אַ גט?

בינטשע: וואָס רעדט איר, ר׳ לייזער? וואָס פֿאַר אַ גט? עפּעס מאַכט איר זיך קילעוואַטע. איך דאַרף נאָר פּשוט האָבן עדות.

ר׳ לייזער: נו, זאָגט מיר שוין וואָס פֿאַר עדות דאַרפֿט איר האָבן. אפֿשר אויף אַ חליצה? אפֿשר קען איך אויך זײַן אַן עדות.

זאָגט אַזוי בינטשע: טאַקע דאָס וויל איך, אַז איר זאָלט זײַן מײַן עדות.

ר׳ לייזער: נו, מעגט איר דאָך שוין אַוודאי הייסן געבן אַ טרונק בראָנפֿן.

בינטשע: מילא, עס איז דאָך נאָר אַ טרונק בראָנפֿן. ר׳ לייזער טוט אַ גרויסן טרונק בראָנפֿן און ער טרינקט צו בינטשען לחיים, און ער זאָגט איר צו אַז ער וועט זײַן איר עדות. וואָס עדות און וועגן עדות? נישט ער פֿרעגט זי, נישט זי דערציילט אים. און אַ גוטן טאָג, בינטשע! איר זאָלט שוין למעה״ש קיין אַנדערן עדות נישט נעמען.

בינטשע גייט אַוועק זיך שאַפֿן נאָך אַן עדות. טרעפֿט זי אַזוי אויפֿן גאַס ר׳ יאָסעלע פּאָזנער. דער ר׳ יאָסעלע איז אַ ביסל פֿאָנפֿעוואַטע. אַ הויכע פּלייצע, ער שיקלט אַ ביסל מיט די אויגן, אַ קאָלטענעוואַטע באָרד.

בינטשע פֿאַרלייגט דעם גראָבן פֿינגער אויף דער באַק און זי זאָגט אויף דער נידעריקער שטימע: גוט־מאָרגן, ר׳ יאָסעלע. גוט־יאָר, בינטשע. וואָס טוט איר עפּעס אויף דער גאַס? פֿרעגט אַזוי ר׳ יאָסעלע. עס איז דאָך גאָר נישט איַיער שטייגער אַרומדרייען זיך אויף דער גאַס. בינטשע בלייַבט אַ ביסל שטיין. און זאָגט: ר׳ יאָסעלע, איך וועל איַיך זאָגן דעם רעכטן אמת. איך דאַרף האָבן אַן עדות. פֿרעגט אַזוי ר׳ יאָסעלע: וואָס פֿאַר אַן עדות? זאָגט בינטשע: עס מעג זיַין ווער עס איז.

דער ר׳ יאָסעלע שטאָפּט אָן אַ ליולקע טוטין און פֿאַררייכערט די ליולקע און ער הייבט אָן צו לאָזן אַ געדיכטן רויך. בינטשע איז שיִער דערשטיקט געוואָרן שטייענדיק לעבן אים. און אַ גוטן טאָג, ר׳ יאָסעלע. איר זאָלט וויסן אַז איך פֿאַרלאָז מיך שוין אויף איַיך.

דער ר׳ יאָסל גייט אַהיים צו דעם וויַיב און הייסט זיך מאַכן אַ גוטן אָנבייַסן. און ער דערציילט דעם וויַיב אַז ער וועט זיַין אַן עדות. דאָס וויַיב פֿרעגט אים: וואָס פֿאַר אַן עדות וועסטו זיַין? דער ר׳ יאָסל ווערט זייער בייז און זאָגט אַזוי צום וויַיב: וואָס איז דאָס דיַין געשעפֿט? אַז איך ווייס נישט, ווילסטו וויסן? און ער האָט זיך טאַקע גאָר פּשוט געבייזערט. ער האָט איר געזאָגט אַ פּאָר מאָל: קליפּה, מכשפֿה, שטיק צרה, ביז דאָס וויַיב איז אויך געוואָרן גוט אין כּעס. עס האָט שוין קנאַפּ וואָס געפֿעלט אַז די לייַט זאָלן זיך שלאָגן. גאָט האָט געהאָלפֿן. דער כּעס איז געשטילט געוואָרן. ר׳ יאָסל האָט אָפּגעגעסן אָנבייַסן און האָט זיך געלייגט שלאָפֿן. נו, לאָמיר לאָזן ר׳ יאָסלען אַ ביסל שלאָפֿן. און מיר וועלן זיך גיין זען מיט בינטשען...

בינטשע גייט צו איר קאָמפּאַניע מיט גרויס שׂימחה און דערציילט אַז זי האָט שוין צוויי עדות. מען זאָל גיך גיין אויפֿן בית־הקבֿרות קבֿרים רייַסן, און פֿעלד מעסטן, און אָנצינדן ליכט אין די שולן, און גיין מיט דעם רעכטן פֿוס צו דער ספּראַווע, טאַקע אַזוי ווי באַשע־אָדעס האָט געהייסן.

בינטשע מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע האָפֿן שוין אַז עס זאָל ווערן נאַכט, און זייגער צוועלף בייַ נאַכט וועט מען גיין אויף דעם בית־הקבֿרות.

ליבע לעזער, איך מוז איַיך באַקאַנט מאַכן פֿאַר וואָס זיי מוזן זיַין אויפֿן בית־הקבֿרות נאָר זייגער צוועלף בייַ נאַכט.

וויַיל די צדיקים וואָס בינטשע דאַרף גיין צו זיי האָבן זיך צו מיינסט באַשעפֿטיקט נאָר נאָך האַלבער נאַכט.

איינער האָט בייַ נאַכט אויפֿגעקויפֿט עופֿות. איינער האָט געקויפֿט בהמות, וואָס גאָט האָט באַשערט. אַזוי ווי זיי זענען פֿאַרן לעבן אויף געווען בייַ נאַכט זייגער צוועלף, זענען זיי געוויס היַינט אויך אויף, וועלן זיי געוויס דערהערן בינטשעס געבעט און זיי וועלן לויפֿן און בעטן פֿאַר בינטשעס וועגן.

ווי עס איז געקומען זייגער צוועלף בייַ נאַכט איז בינטשע געגאַנגען מיט איר קאָמפּאַניע גלייַך אויפֿן בית־הקבֿרות און זי האָט געזאָגט אַ פּאָר בלעטלעך פֿון מענה־לשון, אַזוי ווי איר שטייגער איז.

בינטשע איז געגאַנגען פֿריִער און די קאָמפּאַניע נאָך איר. און זי איז געגאַנגען גלייַך אויף דעם קבֿר פֿון ר׳ מרדכי בנימין. ער איז געווען אַ גרויסער צדיק, זכותו יגון־ואַנחה.

פֿאַרן לעבן האָט אויך קיינער מיט אים נישט געוואָלט דערטשעפּען, דאַרף מען אַצונד אויך מיט אים נישט צו דערטשעפּען.

בינטשע האָט זיך געטאָן אַ צעלייג אויפֿן קבֿר. און זי האָט דרײַ מאָל געקושט אין קבֿר אַרײַן. און זי האָט געזאָגט פֿון מענה־לשון דאָס וואָס מען זאָגט אויף קבֿרי־צדיקים. דערנאָך האָט זי געזאָגט בזה־הלשון:

איך, בינטשע בת־יאָכפּעט, בין געקומען מיט אַ צעבראָכן האַרץ און מיט אַ שווער געמיט און איך בעט פֿון אײַך, ר׳ מרדכי־בנימין, אַז איר זאָלט לויפֿן און בעטן פֿאַר מײַנעט וועגן, און איר זאָלט מיטנעמען מיט זיך נאָך אַ פּאָר צדיקים, און איר זאָלט אַלע מסכּים זײַן אַז איך, בינטשע בת־יאָכפּעט, זאָל אַרויסקומען ריין פֿון דער ספּראַווע.

זי האָט זיך גענייגט דרײַ מאָל צום קבֿר און זי האָט געזאָגט: אַ גוטע נאַכט, ר׳ מרדכי־בנימין.

און זי האָט געטאָן אַ שטרעק אויס דעם רעכטן פֿוס און זי איז געגאַנגען גלײַך אויף דעם קבֿר פֿון הצדיק ר׳ זושע זאָמב. ער איז געווען אַ שטאַרקער אומן־יד. ער איז ניפֿטר געוואָרן בנטילת־ידים.

זי האָט אויף דעם קבֿר אויך פֿאַרברענגט גרויסע תּפֿילות און זי איז געגאַנגען נאָך אויף עטלעכע קבֿרים.

די אַלע דרײַ היימישע מענטשן וואָס פֿאַרן לעבן האָבן זיי זיך שטאַרק ליב געהאַט, אַפֿילו אַז זיי פֿלעגן גיין מאַכן געשעפֿטן, איז אויך איינער אָן אַנדערן נישט געגאַנגען.

עס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן בלויען אויף טאָג, האָט בינטשע געזאָגט צו דער קאָמפּאַניע: מען דאַרף שוין גיין אַהיים אַ ביסל זיך לייגן שלאָפֿן, וואָרעם זייגער צען אין דער פֿרי דאַרף שוין זײַן די אַפּעלאַציע. דאַרף מען זיך מסדר זײַן ווי אַזוי צו טענהן פֿאַרן סענדזשע.

לאָמיר בינטשע לאָזן ליגן און מיר וועלן זיך נעמען צום דאָזער.

ויהי היום איז פּונקט אין דעם טאָג וואָס די אַפּעלאַציע האָט געדאַרפֿט זײַן, איז געווען אַ יאָר־יריד אין סטאָק. איז דער דאָזער געפֿאָרן אויפֿן יריד קויפֿן אַ קו. דער דאָזער איז אַרויסגעגאַנגען אויף דעם פֿערדסמאַרק און ער האָט געקויפֿט אַ דאַרע קו מיט אַ גראָבן ווײדל. ער האָט באַצאָלט פֿאַר דער קו 77 גילדן. דער דאָזער גייט מיט דעם פּויער אין קרעטשמע אַרײַן, און ער מאַכט אַ שטאַרקע פֿאָנדע. דער פּויער גייט זיך אַוועק זײַן וועג און דער דאָזער גייט אַרויס פֿון דער קרעטשמע און נעמט אָן די קו בײַ דעם האָרן. ווי ער פֿירט זי, אַזוי גייט פֿאַרבײַ אַ פּויער און דערקענט די קו. און ער פֿרעגט אַזוי דעם דאָזער, ווו האָסטו גענומען די קו? דער דאָזער בלײַבט שטיין זייער דערשראָקן. ער ווייסט אים גאָר נישט וואָס צו ענטפֿערן.

דער פּויער רופֿט צו דעם סאָלטיס מיטן פּאָליציאַנט, און שלעפּט דעם דאָזער מיט דער קו אין קאַנצעלאַריע אַרײַן. דער פּויער דערציילט דעם וויט אַז די נאַכט האָט מען בײַ אים די קו פֿון שטאַל אַרויסגענומען. איז ער געלאָפֿן אויפֿן יריד און ער האָט זי דערקענט בײַ דעם ייִד. דער וויט נעמט גלײַך דעם דאָזער און זעצט אים אײַן. און די קו גיט ער אַוועק דעם פּויער. לאָמיר לאָזן דעם דאָזער זיצן און מיר וועלן גיין צו די צוויי עדות, ר׳ לייזער מאַנעלעס, ר׳ יאָסעלע ראַזינע.

ר׳ לייזער מאַנעלעס האָט נאָר וואָס אָפּגעדאַווענט. איז ער געגאַנגען גלײַך אין שענק אַרײַן טאָן אַ טרונק בראָנפֿן. ווי ער קומט אַזוי אין שענק אַרײַן, טרעפֿט ער ר׳ יאָסעלע ראַזינער און האַלט אין דער האַנט אַ שפּאָרע כּוסע. דער לייזער וווּנדערט זיך זייער אויף ר׳ יאָסלען און פֿרעגט אים: יאָסעלע, וואָס איז די מעשׂה מיט דיר? וואָס טרינקסטו

עפּעס הייַנט מיט אַזאַ גרויס גלעזל? דו וועסט זיך שוין באַלד אויסגלייַכן מיט מיר. עס מוז עפּעס זייַן נייַעס, וואָרעם דער ר׳ יאָסעלע איז אַ קליינער טרינקער.

הגם עס איז דעם שענקער אויך געווען אַ חידוש, נאָר דער שענקער מוז דאָך שטיל שווייַגן.

דער ר׳ יאָסעלע טוט ר׳ לייזערן אַ רוף אַוועק אין אַ זייַט און זאָגט אים: לייזער, שווייַג שטיל! דו זאָלסט וויסן גאָר פּשוט אַז איך בין הייַנט אַן עדות.

ווי דער ר׳ לייזער דערהערט דאָס טוט ער אַ גרויסן לאַך און זאָגט, גם אַני בחלומי! איך בין אויך הייַנט אַן עדות.

ליבע לעזער, איר קענט אייַך גאָר נישט פֿאָרשטעלן די שׂמחה פֿון די צוויי לייַט. הכּלל מען מאַכט נישט קיין לאַנגע טענות. ר׳ לייזער הייסט אָנגיסן צוויי בירגלעזער מיט אָקעוויט. און ר׳ יאָסעלע האָט אויך געהייסן אָנגיסן די אייגענע פּאָרציע. ווי מען האָט די צוויי ביסלעך בראָנפֿן אויסגעטרונקען, האָבן זיך דיביידע לייַט  צערעדט. זיי האָבן גערעדט שרעקלעכע דיבורים.

רופֿט זיך אָן ר׳ לייזער צו ר׳ יאָסעלע: יאָסעלע, ווייסט וואָס? איך וועל דיר זאָגן. מייַן דעה וואָלט געווען אַז דו זאָלסט גיין שלאָפֿן.

זאָגט אַזוי ר׳ יאָסעלע צו ר׳ לייזערן: מייַן דעה וואָלט געווען אַז דו זאָלסט גיין שלאָפֿן.

ווי דער שענקער הערט אַזוי אויס די טענות, האָט ער טאַקע גאָר פּשוט מורא אַז די צוויי לייַט זאָלן זיך דערווייַל נישט שלאָגן. זאָגט אַזוי דער שענקער און טוט אַ שמייכל: דאָס גלייַכסטע וואָלט געווען אַז איר זאָלט ביידע גיין שלאָפֿן.

די צוויי לייַט זענען זיך מישבֿ און עס איז זיי געפֿעלן דעם שענקערס עצה, און האָבן ביידע מסכּים געווען אַז מען דאַרף אַזוי טאָן.

נו, די צוויי עדות גייען שוין צו מזל שלאָפֿן. און די אַפּעלאַציע דאַרף שוין באַלד זייַן.

בינטשע גייט אַרויס אויף דער גאַס זען זיך מיט די עדות. זי דרייט זיך נעבעך אַרום אויפֿן גאַנצן שטעטל און זי זעט נישט די עדות. זי ווייסט גאָר נישט וואָס צו קלערן. האָט זי זיך מישבֿ געווען זי וועט דערווייַל גיין אין סאָנד אַרייַן. מן־הסתּם וועלן שוין די עדות אָנקומען.

בינטשע קומט אין סאָנד אַרייַן. זי זעט נישט דעם דאָזער. זי זעט נישט די עדות. זי ווייסט גאָר נישט וואָס איבערצוקלערן. דער סענדזשע רופֿט אויף דעם דאָזער מיט די עדות צו דער ספּראַווע. עס רופֿט זיך קיינער נישט אָן. ווי דער סענדזשע טוט אַ רוף אויס, בינטשע צוצאָקאָווסקע, טוט בינטשע אַ גיי צו זייער דערשראָקן און זאָגט בזה־הלשון:

פּראָשע פּאַני סענדזשע, יאַ טאָ יעסט אָן נימאַ. עדות ניץ נימאַ. יאַק אָן נימאַ טאָ יאַ נימאַ. פּראָשע פּאַני לאַסקאַווע, ספּראַווע טיש נימאַ.

דער סענדזשע האָט זייער געלאַכט. נאָר אויסהערן מוז ער דאָך. די ספּראַווע איז אָפּגעפֿאַלן, און בינטשע גייט אַוועק.

ווי בינטשע קומט אַרויס אויף דער גאַס האָט זי דערהערט עפּעס אַ גערעדערײַ אין שטעטל אַז מען האָט דעם דאָזער אין סטאָק אויף דעם יריד אײַנגעזעצט.

ווי בינטשע דערהערט די בשׂורה כאַפּט זי גיך דאָס פֿאַרטעך אין דער האַנט און טוט זיך אַ רײַב די הענט אין דער ערד.

און זאָגט: געלויבט ביסטו, גאָט, וואָס איך האָב דערלעבט. און זי לויפֿט גיך צו איר קאָמפּאַניע. אַלע האָבן געזאָגט אַז מען זעט אַרויס באַשײַנפּערלעך אַז בינטשעס תּפֿילות, און די תּפֿילות פֿון די צדיקים וואָס שטייען אויבן געשריבן, האָבן דערגרייכט אַ זכות, אַז בינטשע זאָל געהאָלפֿן ווערן און זאָל ניצול ווערן פֿון דער תּפֿיסה, און האָט נאָך דערלעבט אין שׂונא אַ נקמה.

אַלע מיט אַ גרויסער שׂמחה: מזל־טובֿ, בינטשע!

די בינטשע איז נישט פֿויל, זי נעמט זיך צו דער קעשענע און זי כאַפּט אַרויס אַ דרײַער און שיקט אַ שליח אין גאַס אַרײַן ער זאָל ברענגען פֿאַר דרײַ גראָשן געזאָטענעם אַרבעס.

עס האָט גאָר נישט לאַנג געדויערט. דער שליח איז שוין דאָ מיטן אַרבעס.

בינטשע האָט זיך אַליין מטריח געווען, און אויסגעטיילט דעם אַרבעס.

און האָט געזאָגט: ליבע קאָמפּאַניע, דאָס זאָל אײַך וויל באַקומען. הײַנט דאַרפֿן מיר זיך משׂמח זײַן אַ גאַנצן טאָג. דער הײַנטיקער טאָג איז בײַ מיר אַזוי ווי יום־טובֿ.

בינטשע מיינט טאַקע אַז זי איז שוין איבערגעקומען דעם טאַנץ.

אַ גאַנצן טאָג איז בינטשע אַרומגעגאַנגען מיט איר קאָמפּאַניע לוסטיק אויפֿן העכסטן גראַד.

דאָנערשטיק פֿאַר נאַכט, מען דאַרף שוין גיין צו מינחה, גייט בינטשע אויך אין שול אַרײַן.

ווי בינטשע קומט אויפֿן שולהויף הערט זי עפּעס אַ גערויש, אַ געפּילדער, אַ גערודערײַ.

פֿרעגט זי, וואָס איז דאָ אַזאַ געפּילדער?

גייט צו איר ר׳ שמעלקע קובל און ר׳ לייב טאָטער און זאָגן איר: סטײַטש, בינטשע! איר ווייסט גאָר נישט, מע האָט הײַנט דעם דאָזער אַרויסגעלאָזט פֿון דער סטאָקער תּפֿיסה?

די בינטשע בלײַבט שטיין טויט ווי אַלע טויטע. זי ווייסט שוין גאָר נישט וואָס צו ענטפֿערן. ביז זי איז אַ ביסל צו זיך געקומען. זאָגט זי אַזוי: שמעלקע־לעבן, וואָס רעדט איר?

רופֿן זיי זיך אָן: אָט דאָס וואָס איר הערט. גאָר פּשוט מען האָט דעם דאָזער אַרויסגעלאָזט פֿון דער סטאָקער תּפֿיסה.

די בינטשע גייט נעבעך שוין מיט אַ פֿאַרביטערט האַרץ אין שול אַרײַן. זי האָט נעבעך דעם גאַנצן קרבן־מינחה־סידור אָפּגעגאָסן מיט הייסע טרערן.

בינטשע גייט אַרויס פֿון דער שול גלײַך צו דער קאָמפּאַניע און דערציילט זיי אַזוי דאָס אומגליק.

די קאָמפּאַניע זענען אויך שטאַרק צערודערט געוואָרן. נאָר בעסער קען מען נישט מאַכן. מען מוז זיך פֿאַרלאָזן אויף גאָט.

ווי דער דאָזער האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט פֿון דער תּפֿיסה, דערמאָנט ער זיך אַז איינס האָט ער געדאַרפֿט שטיין מיט בינטשען צו דער אַפּעלאַציע.

דער דאָזער לויפֿט גיך צו דעם סענדזשע, זייער פֿאַריאַכמערט. דער סענדזשע הייסט אים מוחל זײַן און זאָגט אים אַז די ספּראַווע איז צו נישט געוואָרן. הגם דעם דאָזער האָט אַ ביסל פֿאַרדראָסן אויפֿן סענדזשע, נאָר מען מוז דאָך שטיל שווײַגן.

דער דאָזער טראַכט בײַ זיך: נו, נו, פֿונדעסטוועגן וועל איך עס איר נישט שווײַגן.

פֿרײַטיק בײַ טאָג האָט דער דאָזער געשיקט דעם בית־דין־שמשׂ צו בינטשען אַז זי זאָל קומען צום דין־תּורה. דער שמשׂ איז געקומען צו בינטשען און האָט איר גערופֿן צו דער דין־תּורה.

בינטשע האָט אַפֿילו נישט געהאַט קיין צײַט, דען זי האָט נאָך נישט געהאַט דעם אייל אויסגעשפּריצט אַ קוגל צו מאַכן. פֿונדעסטוועגן האָט זי אַלע אַרבעט אַוועקגעלייגט און האָט זיך מכין געווען און איז געגאַנגען גלײַך צום רבֿ. די ביידע בעל־דינים שטעלן זיך אַנידער פֿאַר דעם בית־דין.

דער דאָזער הייבט אָן צו זאָגן: פֿאַר וואָס האָט זי מרשעת געשלאָגן מײַן ייִנגל? פֿאַר וואָס האָט זי אים אַ קניפּ געטאָן אין דער האַנט אַרײַן? הייליקער רבי, איר קענט דאָך אויך מײַן ייִנגל. ער דערטשעפּעט נישט אַ פֿליג אויף דער וואַנט. נו, וואָס פֿאַר אַ חוצפּה און אַ העזה האָט זי געהאַט מײַן ייִנגל צו שלאָגן!

ערשט גייט צו בינטשע און הייבט אָן טענהן:

הייליקער רבי, איר ווייסט גוט אַז אַ מינהג ברעכט אַ דין. און דאָ אין שטעטל איז אַ מינהג אַז אַ נקבֿה גייט פֿון טבֿילה דאַרף זי זיך אָנרירן אָן אַ ייִנגל.
מיין האָב איך אים נישט געטאָן, נאָר וואָס אָנגערירט בײַ דעם הענטל. ווער זאָל עס וויסן אַז עס וועט אַרויסקומען אַזאַ קאָך.
גלייבט מיר, הייליקער רבי, איך קען שווערן בײַ אַלעם הייליקייט, ווען איך זאָל וויסן אַז עס וועט אַרויסקומען אַזאַ קאָך, וואָלט איך גאָר קיין טבֿילה נישט געגאַנגען. נאָר מן־הסתּם איז מיר עפּעס באַשערט אָפּצוקומען פֿאַר מײַנע חטאָים.

דער רבֿ האָט זיך געהייסן צאָלן פּסק־געלט. דער דאָזער האָט גראָד בײַ זיך נישט געהאַט קיין געלט. האָט ער דערווײַל געליִען בײַ דעם בית־דין־שמשׂ. און דער דאָזער האָט אַנידערגעלייגט אויפֿן טיש זיבעצן גראָשן.

און בינטשע האָט געלייגט אַקעגן זיבעצן גראָשן.

און דער רבֿ האָט געהייסן די צווײ בעלי־דינים, בינטשע מיט דעם דאָזער, אָפּטרעטן.

ווי דער דאָזער מיט בינטשען גייען אַרויס פֿון רבֿס שטוב האָבן זיי זיך אין דרויסן אָנגעהויבן איבערצווערטלען.

בינטשע האָט געברענגט דעם דאָזער גוט אין כּעס אַרײַן, האָט דער דאָזער געוואָלט צולויפֿן צו בינטשען און טאַקע גאָר פּשוט געוואָלט שלאָגן.

האָט בינטשע אָנגעהויבן שרײַען געוואַלד. עס איז געוואָרן אין דרויסן אַ גרויס געוואַלד, גאַנץ בית־דין איז אַרויסגעלאָפֿן אין דרויסן און מען האָט די צווײ לײַט געכאַפּט אין שטוב אַרײַן.

דער רבֿ איז זייער בייז געוואָרן. ער האָט געזאָגט, צווישן אַזוינע לײַט וויל איך מיך גאָר נישט אַרײַנמישן.
ובפֿרט עס איז שוין באַלד צײַט צו גיין מקבל־שבת זײַן. איז גלײַכער א״יה זונטיק אין דער פֿרי זאָל דער דאָזער זיך נעמען דרײַ בוררים, און בינטשע זאָל זיך אויך נעמען דרײַ בוררים, און אַזוי ווי די בוררים וועלן אויסגלײַכן, אַזוי מוז בלײַבן.

זיי זענען ביידע באַשטאַנען אויף דעם און זיי האָבן געזאָגט דעם רבֿ אַ גוטן שבת און זיי זענען בשלום אַהיימגעגאַנגען.

אַ גאַנצן שבת האָט דער דאָזער געקלערט וועמען ער זאָל נעמען פֿאַר בוררים.

און בינטשע האָט אויך נישט געוווּסט וועמען איבערצוגעבן דאָס געשעפֿט.

הכּלל דער דאָזער האָט זיך אויסגעקליבן די דרײַ בוררים:
ר׳ צדוק לאָקש.
קאָרסקע מלמד.
דער געשטופּלטער סטאָלאַרש.
און ער האָט טאַקע אַוועקגענומען די האַנט פֿון האַרץ און ער האָט זיך אָנגעטרויט אין גאַנצן צו זיי.

און בינטשע האָט זיך אויסגעקליבן דרײַ פּאַרשוין פֿון די אייגענע מענטשן:
ר׳ לייבל טראַסק.
ר׳ דוד כלאַסט.
ר׳ יודל גראַטש.
אַזוי ווי די דרײַ פֿילאָזאָפֿן וועלן מאַכן, אַזוי וועט בינטשע אַוודאי באַשטיין.

זונטיק אין דער פֿרי איז געקומען בינטשע מיט אירע בוררים און זענען געגאַנגען צו דעם דאָזער.

דער דאָזער האָט געשיקט נאָך זײַנע בוררים. די בוררים זענען אַלע געקומען און די חבֿרה האָבן זיך געזעצט צו דעם טיש און מען האָט געקלערט וואָס פֿאַר אַ פּסק מען זאָל בינטשען אַרויסגעבן.

הכּלל מען איז אָפּגעזעסן פֿיר שעה אויף דעם זייגער, און זיי האָבן זיך נישט געקענט אויסגלײַכן.

ווי די חבֿרה זיצן אַזוי און קלערן, טוט זיך אַ רוף אָן ר׳ קאָרסקע מלמד, איינער פֿון די בוררים: מײַן עצה וואָלט געווען אַז מען זאָל נעמען אַ יאַרמלקע און מען זאָל אַרײַנלייגן זעקס קוויטלער: פֿינף קוויטלעך ליידיקע און אויפֿן זעקסטן

קוויטל זאָל שטיין אָנגעשריבן „זכה בגורל“, און ווער עס וועט אַרויסנעמען דעם „זכה בגורל“, דעם זאָל מען פֿאַרבינדן די אויגן מיט אַ רויטער פֿאַטשיילע און די פֿינף בוררים זאָלן זײַן אין שטוב און וועמען דער פֿאַרבינדטער וועט כאַפּן, אויף דעם בורר וועלן זיך מוזן אַלע פֿינף בוררים פֿאַרלאָזן.

די חבֿרה האָבן זיך אַ ביסל מישבֿ געווען און האָבן זיך אַלע מיט אַ מאָל געטאָן אַ רוף אָן:

ר׳ קאָרסקע מלמד איז גערעכט. ערשטנס איז ער אַ ייִד אַ בן־תּורה, איז ער ווערט אַז מען זאָל זיך פֿאַרלאָזן אויף אים.
צווייטנס וועלן זיך נאָך פֿיל מענטשן קענען דערפֿון אַ מוסר אַרויסנעמען.
וואָרעם דאָס גאַנצע געשעפֿט וואַקסט אַרויס פֿון אַ ייִנגל, און די חדר־ייִנגלעך שפּילן אין פֿאַרבלענדעניש. איז טאַקע גאַנץ גלײַך אַז מען זאָל אַצונד אויך איינעם פֿאַרבינדן די אויגן. וועט מען זען – דער אייבערשטער באַצאָלט מידה כּנגד מידה.

קאָרסקע מלמד טוט אויס די יאַרמלקע און ער לייגט אַרײַן פֿינף קוויטלעך ליידיקע. און אויפֿן זעקסטן קוויטל שטייט אָנגעשריבן „זכה בגורל“. און ר׳ קאָרסקע מלמד טוט אַ געשריי אויף דער גראָבער שטימע: רבותים, יעדערער זאָל זיך פֿאַרשאַרצן דעם אַרבל פֿון דער רעכטער האַנט און אַזוי זאָל מען ציִען די קוויטלעך.

אין אַ גוטער שעה דער געשטופּלטער סטאָלאַרש טוט אַ לאָז אַרײַן די יד און נעמט אַרויס דאָס קוויטל „זכה בגורל“.

ר׳ קאָרסקע מלמד איז זיך אַליין מטריח און וואַרפֿט אַרויס דעם טיש מיט די בענק און ער נעמט אַרויס פֿון זײַן אייגענער קעשענע די רויטע פֿאַטשיילע און ער נעמט דעם געשטופּלטן סטאָלאַרש און בינדט אים גוט צו די אויגן און מאַכט פֿון הינטן צוויי שטאַרקע קנופּן. און ער טוט דעם סטאָלאַרש אַ שטעל אַנידער אין מיטן דער שטוב און קאָרסקע טראָגט זיך אָפּ.

דער סטאָלאַרש נעבעך שטייט אַזוי ווי אָנגעמאַכט, ערגער ווי אויף דעם עולם־התּוהו.

ער שטייט אין ערך פֿון אַ האַלבער שעה. דערנאָך איז ער זיך מישבֿ און הייבט אָן אַרומצוגיין איבערן שטוב און ער האָט געטאָן ר׳ צדוק לאָקש אַ כאַפּ אָן בײַ דעם אַרבל און ער האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזט. קאָרסקע מלמד איז צוגעלאָפֿן צו דעם געשטופּלטן סטאָלאַרש און ער האָט אים אויפֿגעקניפּט די רויטע פֿאַטשיילע. און ער האָט אַרײַנגענומען דעם טיש מיט די בענק.

און ר׳ צדוק לאָקש האָט מען געזעצט אויבן אָן, און די גאַנצע קאָמפּאַניע וואָס זענען דאָרט געווען האָבן געזאָגט דרײַ מאָל: מזל־טובֿ, ר׳ צדוק לאָקש.

ר׳ צדוק לאָקש איז טאַקע געזעסן כּמלך־בגדוד.

דער עולם האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט און ר׳ צדוק לאָקש האָט אָנגעהויבן קלערן דעם פּסק. דאָס האָט אַזוי געדויערט אין אַן ערך פֿון צוויי שעה.

אין דעם טוט זיך ר׳ צדוק לאָקש אַ שטעל אויף מיט כּעס בזה־הלשון: איך, צדוק, זאָג אַז בינטשע איז דער גאַנצער בעל־חייבֿ. ווען נישט בינטשע, וואָלט דעם דאָזערס ייִנגל נישט געקראָגן אַ קניפּ אין דער האַנט אַרײַן.

איבער דעם זאָג איך, ר׳ צדוק לאָקש, אַז בינטשע זאָל זיך באַלד אויסטאָן די שיך און זי זאָל גיין איבערן גאַנצן שטעטל אין די זאָקן און זאָל זאָגן: רבותים, אמנם חטאָתי, איך האָב טאַקע געזינדיקט און איך האָב נאָר אומזיסט דעם דאָזערס ייִנגל אַ קניפּ געגעבן. איבער דעם, רבותים, בין איך געקומען פֿריִער צו גאָט און דערנאָך צו אײַך, און איך בעט אײַך איר זאָלט מיר מוחל זײַן.

בינטשע האָט זיך נישט געפֿוילט, און זי האָט טאַקע גאָר פּשוט באַלד אויסגעטאָן די שיך און איז געגאַנגען גלײַך אין שול אַרײַן און זי האָט אַזוי געטאָן אַלץ ווי ר׳ צדוק לאָקש האָט גוזר געווען.

בינטשע איז אַהיימגעגאַנגען פֿון דער שול.

מאָרגן אין דער פֿרי איז געשטאַנען אָנגעקלעפּט בלעטער אויף אַלע דרענגער פֿון דער שול. און אויף אַלע יאַטקעס און אין אַלע הינטערגעסלעך, טאַקע כּתבֿ־יד פֿון רבֿ בפֿירוש אַרויסגעשריבן בזה־הלשון:

איך בין מודיע אַלע נשים, די וואָס וועלן גיין צוריק פֿון דער טבֿילה זאָלן אויפֿן וועג קיינעם נישט דערטשעפּען. און די ייִדענע וואָס וועט נישט וועלן פֿאָלגן טאָר זיך איר פֿוס נישט געפֿינען פֿיר וואָכן אין שול, און אויף דער פֿינפֿטער וואָך וועט זי מוזן גיין צום רבֿ אַ תּשובֿה אַרויסנעמען.

יעצט, ליבע לעזער, וועלן מיר אָנהייבן מאַכן אַ נײַע באָד.

הגם דער מאַגיסטראַט לאָזט נישט בויען, נאָר מויערן. נאָר דאָס דאַרפֿט איר דאָך פֿאַרשטיין אַז אַזאַ שטעטל מוז האָבן אַ מרחץ.

נו, פֿון וואַנען וועט מען נעמען אַזוי פֿיל געלט צו מויערן אַ מרחץ?

איז געבליבן אַז אַלע בעלי־בתּים פֿון שטאָט זאָלן זיך צונויפֿקומען און מען זאָל מאַכן אַן אַסיפֿה. וועט מען שוין מן־הסתּם אויסמיטלען פֿון וואַנען מען זאָל מאַכן אַ נײַע באָד. נאָר פֿריִער דאַרף מען מאַכן אַ ליסטאַציע אויף דער אַלטער באָד.

דער רבֿ האָט אַרויסגעשיקט דעם שמשׂ נאָך אַלע בעלי־בתּים.

דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צונויפֿגעקומען צו דעם רבֿ. און דער שמשׂ האָט זיך אַרויפֿגעשטעלט אויף דער גרויסער באַנק, און ער האָט אָנגעהויבן שרײַען אויף דעם גראָבן קול: צוועלף רובל פֿאַר דער אײַנגעפֿאַלענער באָד! ער האָט אַזוי געשריגן אין אַן ערך פֿון אַ האַלבער שעה. און עס האָט זיך קיינער נישט אָנגערופֿן.

דער שמשׂ האָט שוין נישט געהאַט קיין כּוח צו שרײַען. האָט זיך צו מזל אָנגערופֿן איין בעל־הבית, ר׳ משה באָלטאַק, איך גיב פֿופֿצן רובל. דערנאָך האָט זיך געטאָן אַ רוף אָן ר׳ [ישׂראל] קאָזע, איך גיב אַכצן רובל. דער שמשׂ האָט אַזוי געשריגן אין אַן ערך פֿון אַ שעה און עס האָט זיך שוין קיינער נישט געוואָלט אָנרופֿן.

האָט דער רבֿ געטאָן אַ געשריי צו דעם שמשׂ אַז ער זאָל צוקלאַפּן.

האָט דער שמשׂ געטאָן אַ געשריי, אַכצן רובל פֿאַר דער באָד, צום ערשטן מאָל, און צום אַנדערן מאָל, און צום דריטן מאָל – זכה לו ר׳ ישׂראל קאָזע.

און אַלע בעלי־בתּים זענען צוגעגאַנגען צו ר׳ ישׂראל קאָזע און האָבן אים אָפּגעגעבן אַ מזל־טובֿ. ר׳ ישׂראל האָט געשיקט נאָך שנאַפּס. מען האָט נאָר וואָס דעם שנאַפּס אויסגעטרונקען, האָט מען זיך באַלד געזעצט צו דער אַסיפֿה, וואָס מען זאָל טאָן מיטן געלט.

איז געבליבן איין דריטל זאָל מען אַוועקגעבן אויף פּראָצענט צו הגבֿיר ר׳ שמואל קאָפּלס. ער איז אַ גרויסער בעל־בטוח.

פֿון דעם קרן זאָל מען קיין מאָל נישט רירן.

און וואָס עס וועט אָנוואַקסן פּראָצענט זאָל דער דאָזער אָפּנעמען און ער זאָל דערפֿון מאַכן אַ תּלמוד־תּורה.

און דאָס צווייטע דריטל זאָל מען אַוועקגעבן בינטשען אויף פּראָצענט. פֿון פּראָצענט וועט זי חתונה מאַכן אָרעמע יתומים.

און דאָס קרן וועט געוויס בלײַבן קרן.

און די רעשט געלט זאָל מען אַוועקגעבן דעם פּריץ וואָס ער וווינט נישט ווײַט פֿון שטעטל אין דעם דאָרף סטאָיאַדלעס. דער פּריץ האָט בדעה צו פֿאַרזייען אַ וואַלד. זאָל מען אים דאָס געלט אַוועקגעבן און די ערשטע ביימער וואָס וועלן אַרויסוואַקסן אין אַכציק יאָר אַרום זאָל קערן צו דער באָד.

ליבע לעזער, אויב אירווילט האָבן פֿאַרגעניגן, מעגט איר אין אַכציק יאָר אַרום אַריבערפֿאָרן אין דעם שטעטל אַרײַן. וועט איר זען ווי מען הייבט אָן צו אַרבעטן אַ נײַע באָד.